# שְׁפְּר [illegible]

אוים אײנעם מאנוסקריפּט דעם הערן י. ב.

(סעפּאראט- אבדרוק אוים דעם

„הויז-פריינד"

הערויסגעגעבען פאן מ. ספּעקטאר)


וואַרשא

1888

# יודישע

# שפּריכווערטער

אוים איינעם מאנוסקריפּט דעם הערן י. ב.

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

(סעפּאראט - אבדרוק אוים דעם

„הויז-פריינד"

הערויסגעגעבען פאן מ. ספּעקטאר)

# ווארשא

---

Юдише Шприхъ-Вертеръ

т. е.

Еврейскія Народныя Пословицы

Варшава.

1888
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

Дозволено Цензурою Варшава 9 Іюня 1888

Тип. И. О. Алапина Налевки 47.

# Jüdische

# SPRICHWÖRTER

**Aus einem Manuscript des Herrn I. B.**

(SEPARAT-ABDRUCK AUS DEM

„HAUSFREUND"

HERAUSGEGEBEN VON M. SPEKTOR)

**WARSCHAU**

**1888**

# יודישע שפריכווערטער

א שפריכווארט איז להבדיל א תורה.
(יוד. שפריכ:ווא׳רט)

הערויס געגעבען פון מ. ספעקטאר.

Jüdiche Sprichwörter, aus einem Manuscript des Herrn I. J. B.

## פאררעדע.

שוין א יאהר צעהן אז איך האב בערעה געהאט צוזאממענקלייבען אללע „יודישע שפריכווערטער“. נאר וויפיעל איך האב געקליבען, פערשריבען און פארצייכענט די וועלכע איך האב אין זכרון און די וועלכע איך האב פון אנדערע געהאט. האב איך פארט גיט געהאט אללע. און א „האלבע ארבייט“ האב איך ניט געוואלט דרוקען.

וויפיעל מיהע איך האב מיר געגעבען האב איך דאך געזעהען אז עס איז „א מעשה אהן א סוף“. ד. ה. עס דארף נאך צעהן יאהר דויערען ביז איך זאלל קומען צו א ענדע. נאר איין געדאנק האט מיר פארשפארט די צעהן יאהר — דאס איז געוועזען מיין אויפרוף וועגען די שפריכווערטער אין „יודישען פאלקס-בלאטט“ (1886, № 4). דארט האב איך אין קורצען ערקלערט דעם ווערטה פון א שפריכווארט בכלל און פון „יודישע שפריכווערטער“ בפרט, וועלכע טראגען זיך ארום ווער ווייסט וויפיעל הונדערטער יאהרען. אונזערע עלטער-זיידעס און עלטער-באבעס האבען גערעדט מיט די שפריכווערטער, און ביי אונז ליגען זיי זיך אויף דער צונג און ווען זיי פאסען נאר צום שמועס קוממען זיי אלליין נאר און-געבעטען.

אין דעם „אויפרוף“ האב איך זיך געווענדעט צו יעדען, וואס אינטערעסירט זיך פאר דער זאך, מען זאלל מיר מיט-העלפען אין דעם, ד. ה. מען זאלל מיר צו-שיקען שפריכ-ווערטער, יעדער פון זיין ארט, פון זיין געגענד, און טאקע באלד אין דעם אייגענעם נוממער פאלקס-בלאט אנגעהייבען דרוקען אייניגע פון די שפריכווערטער וועלכע האבען זיך געפונען אין מיינע כתבים.

חי עס האט זיך דער-נאך ארויס-געוויזען, זענען מיינע ווערטער ניט געוועזען „בקול קורא במדבר“ — אין א צייט פון עטליכע וואכען האב איך ביז טויזענד בריעף בעקוממען: יעדער בריעף איז געוועזען מיט שפריכווערטער. די בריעף זענען געוועזען ניט נאר פון



M. T. AKADÉMIA KÖNYVTÁRA

רוסלאַנד און פּוילען, זאַנדערן אויך פון אויסלאַנד אפילו אין אַפריקא אין אויסטראַליע האָט זיך אויך געפונען אַ צוויי דריי פאַרוואָרפענע יודעלעך וואָס האָבען ניט פאַרגעסען די שפּריכווערטער פון זייער פאָלק און האָבען אויך אַריין געשיקט.

נאָך מיין סאָרטירען די בריעף האָב איך געזעהן אַז די מיט-העלפער צום זאַמען-קלייבען שפּריכווערטער זענען: דאָקטורים, אינזשעניערען, שריפט-שטעלער, סוחרים, בעלי-מלאכות, פּראָסטער עולם און אפילו יודישע טאָכטער, מיט איין וואָרט: אַלע האָבען זיך פאַר-אינטערעסירט פאַר דער אידעע.

איבער-קוקענדיג די בריעף האָב איך באַמערקט, אַז די אמתע [אָריגינאַלע] ריינע, גוטע און זאַפטיגע שפּריכווערטער האָבען זיך צום מעהר געפונען אין די בריעף פון דעם פּראָסטען עולם, דער פאַקט ווייזט אַז אונזערע אינטעליגענציע האָט זיך ליידער דערווייטערט פון דעם פאָלק. נאָר אין איין וועגס זעהט מען אויך פון זייערע בריעף אַז זיי זענען נאָך פאָרט צו-געבונדען צום פאָלק, פון זיי האָבען מיט פערגעניגען צו געשיקט כאָטש צו פינף אָדער צעהן שפּריכווערטער, פאַר וועלכע איך דאַנק אַלעמען גלייך פון דעם גאַנצען האַרצען. —

אָבער אין די מעלות וואָס איך האָב געפונען אין די שפּריכווערטער פון דעם פּראָסטען עולם האָב איך אויך געפינען פיעל חסרונות, ערשטענס האָבען טהייל פון זיי געשריבען מיט אַזאַ כתב אַז מע האָט זיך בעדאַרפט אַרויס נעהמען די אויגען איבער-ליינענדיג און צווייטענס האָט זיך זעלטען געפונען אַ גאַנץ וואָרט מען זאָל עס ניט דאַרפען אויס-בעסערען, נאָר פאַר זייער מיהע דאַנק איך זיי נאָך אַמאָהל פון טיעפען האַרצען.

איך האָב נאָך געהאַט זעהר אַ שווערע אַרבייט: אויס-צו-קלויבען די שפּריכווערטער פון די בריעף. ווייל דאָס רוב פון זיי האָבען בעשריבען די איינענע וואָס דער צווייטער, כמעט צוויי יאָהר האָב איך געאַרבייט אַרום די בריעף און פינף הונדערט פון זיי זענען נאָך געבליבען ניט בעאַרבייטעט.

און אַזוי ווי איהר זעהט איז דער רעזולטאַט געוועזען זעהר אַ גוטער, ערשטענס האָב איך פאַר-שפּאָרט אָנ-צו-קומען צו די געצעהלטע ביכער וואָס האָבען זיך שוין צוריק מיט יאָהרען געפּריוט צו-זאַמען-קלייבען יודישע שפּריכווערטער, איך בין זעהר צו פרידען דער פאַר, ווייל די שפּריכווערטער פון די רוסיש—פּאָלנישע יודען זענען אין די ביכער גראָסטענטהיילס פאַר גרייזט, ניט ריכטיג און געקינסטעלט, און אין צווייטענס ניט איינעם פון זיי איז נאָך ניט געלונגען צו-זאַמענקלייבען אַ ל ל ע יודישע שפּריכווערטער, מיט איין וואָרט: איך האָב די שפּריכווערטער ניט גענעמען פון קיין שום בוך נ א ר ג ל י י ך פ ו ן ד ע ם פ א ל ק.

דער ווייל האָב איך געזעהען אַז פון דרוקען אין „פאָלקס-בלאַט“ צעהן אָדער עלף שפּריכווערטער אַ וואָך, וועט קיינמאָהל צו אַ ענדע ניט קומען אין מיין צעהן יאָהריגע מיהע וועט פאָרט צו גרונד געהען, דעריבער האָב איך אויפ-געהאָרט זיי צו דריקען.

מיט מיין קומען קיין וואַרשאַ האָט זיך מיט מיינע שפּריכווערטער געטראָפען

אזעלטעגעס גליק, דער צו־פאלל האט מיך דא צו־זאמען־געפיהרט מיט א היגען בעוואוסטען אינטעליגענטען געלעהרטען און געאכטעטעטען מאנן, ה. י. ב., פון וועלכען איך האב נאך פיעל געהארט אין פעטערסבורג אלס ליעב־האבער און צו־זאמען־קלייבער פון „יודישע שפריכווארטער" אויך האב איך געהערט (און דער נאך זעלבסט געזעהען) פון זיין געריהמטער טהייערער ביבליאטעק. ביי ה. ב. האב איך געפונען פיער געשריבענע ביכער מיט יודישע שפריכווארטער און רעדענסארטען[1] (שפראכגעברויכע) מיט ערקלערונגען.

איבער־קוקענדיג ה. ב. כתבים האב איך געזעהען אז עס איז א ריזען־ארבייט, און ווירקליך ה. ב. האט אין דער זאך געארבייט צוואנציג יאהר, ה. ב. איז געוועזען אזוי גוט און מיר ניט אב־געזאגט זיך בעניצען מיט די כתבים ווי איך וויל.

איך האב אלזא מיט דעם דרוקען פון די שפריכווארטער נאר ה. ב. צו פער־דאנקען.—

און אזוי ווי איך רעכען דער־ווייל נאך ניט צו דרוקען „רעדענס ארטען" האב איך נאר אויס־געקליבען דער ווייל די „שפריכווארטער".

איצט ווערען געדרוקט די אללע שפריכווארטער וואס איך האב ארויס גענומען פון ה. ב. כתבים און אויך מיינע וואס איך האב זעלבסט צו־זאמענגעקליבען אין א צייט פון

---

1] רעדענס־ארטען הייסט אזעלכע ווארטער וואס געבען ארויס א ריכטיגען געדאנק דורך א בילד פון לעבען, ווי למשל: „זיטצען אויף שפילקעס": אונטער די דריי ווארטער פערשטעהט יעדער אז די טייטש איז: אז איינער האט קיין צייט ניט צו־זיטצען, אדער ער וויל ניט זיטצען און מוז פארט זיטצען און נאך אנדערע פיעל בעדייטונגען, „גראם שטראם מאך מיר א לעטניק" ד. ה. איינס מיט דעם צווייטען קעהרען זיך גאר־ניט אן, „פון דער גאנז האבער קויפען". „פון פויגעל מילך" א. ז. וו. מיט איין ווארט, „רעדענס־ארטען" הייסט צו־זאמ־מענגעשטעלטע ווארטער וועלכע געבען איבער דעם זינען פון דעם שמועס דורך א פיגור דורך אלעבענס־בילד געגרינדעט אויף פראקטיקע, און דער־צו קורץ און דייטליך.

שפריכווארטער זענען ווידער גאר עפּיס אנדערש, אין יעדען שפריכווארט איז דא מוסר, חכמה, אמת, ריינער הומאר און סאטירע. למשל: „ווער עס האט קינדער אין די וויעגען זאל לייטען לאזען צו־פריעדען" ד. ה. אז דער וואס האט קינדער טאר ניט רעדען אויף יענעם אפילו ניט אויף קיין שלעכטע מענשען, ווארום ווער ווייסט, צי ציינע קינדער ווען זיי וועלען אויס־וואקסען וועלען זיין בעסער פון די שלעכטע, און אנדערע וועלען האבען דאס רעכט נאך מעהר רעדען אויף זיי און די עלטערען וועלין האבען בזיונות. דרום דארף יעדער מענש ניט רעדען אויף קיינעם קיין שלעכטס. קען זיך דען יעדער פון דעם „שפריכווארט" ניט אראפ־נעהמען א גוטען מוסר?,

„א יודישער תענוג איז א קיהלער תשעה באב". „א יודיש גליק איז אז ער קומט צו ברכו". „א יודיש געווינס איז דער גורל צו קדיש".

ווי־פיעל טרויעריגער הומאר, סאטירע, און דאך אמת, ווי־פיעל ריכטיגע בילדער פון דעם יודישען לעבען גע־פינט זיך אין דעם דאזיגען שפריכווארט?

נאך איינס; „ווען פרייעט זיך גאטט?— ווען איין בעטלער קראצט דעם אנדערען". מיר זינדיגע מענשען פרייען זיך אז אונז איז גוט, אז מיר מאכען גוטע געשעפטען, ווען מיר וואוהנען אין צעהן צימטער, זיטצען אין דער ערשטער לאזשע אין טעהאטער, פאהרען אין א קארעטע, אויסגעבען טויזענדער אויף ציערונג און לוקסוס, אין דער גרויסער גאטט פרייעט־זיך ווען איין ארעמאנן העלפט דעם אנדערען מיט וואס עס איז! דערפון קען מען אויך דרינגען ווי גאט איז ברוגז ווען דער רייכער העלפט ניט דעם ארעמאנן, וואס פאר א גרויסער טיעפער געדאנק געפינט זיך אין דעם שפריכווארט? „אז דאס הארץ איז פולל געהן די אויגען איבער", ווי אמת זענען די ווארטער!:.

צֶעהן יָאהר 1) אונ ווי איהר זָעהט ליעבֶּע לֶעזֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי שְׁפְּרִיכְוָוארְטֶער דְרַייסִיג יָאהר אַרְבַּייט !—

מִיר בְּלַייבְּט נָאךְ צוּ בַּאמֶערְקֶען אַז ווִי פִיעל ה. ב. אונ אִיךְ הָאבּ בֶּעאַרְבַּייטֶעט דִי שְׁפְּרִיכְוָוארְטֶער, זָענֶען זַיי דָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען פְּרָאסְט אָרְגִינַאל. פּוּנְקְט ווִי דֶער עוֹלָם רֶעדְט זַיי, דֶען אוּנְזֶער צְוֶועק אִיז גֶעוֶועזֶען נִיט צוּ קִינְסְטְלֶען דִי שְׁפְּרִיכְוָוארְטֶער אוּנ זַיי רִיכְטִיג אִיבֶּער־גֶעבֶּען, דְרוּם הָאבֶּען מִיר אִין אֵיינִיגֶע אָרְטֶער אִיבֶּער־גֶעלָאזְט דִי גְרַייזֶען ווָעלְכֶּע דָאס פָאלְק הָאט אָנ־גֶענוּמֶען.

מ. ספעקטאר.

ווארשא, דעצעמבער 1887.

---

2] ווִי אִיךְ הָאבּ פְרִיהֶער גֶעזָאגְט גֶעפִינֶען זִיךְ בַּיי מִיר בִּיז 500 בְּרִיעף מִיט שְׁפְּרִיכְוָוארְטֶער, נָאר זַיי פָארְדַערֶען נָאךְ אַ יָאהר צַייט זַיי צוּ בֶּעאַרְבַּייטֶען. אִיךְ קֶען פָאראוֹיס נִיט זָאגֶען ווִיפִיעל עֶס וָועט זִיךְ צוּ־זַאמֶען־קְלַייבֶּען, ווָעל אִיךְ זַיי אַלֶם בַּיי־לֶאגֶע צוּ דְרוּקֶען צוּ דִי דָאזִיגֶע שְׁפְּרִיכְוָוארְטֶער.

# יודישע שפּריכווערטער

## א.

1 אַ איינרעדעניש איז ערגער ווי אַ קראַנק [1]
2 אַ אָרעמאַנן ווילל אויך לעבען
3 אַ אָרימער מיוחס איז געגליכען צו די שברי לוחות
4 אַ באַרג מיט אַ באַרג קומען זיך ניט צו־נויף, אָבער אַ מענש מיט אַ מענשען יאָ
5 אַ בוים בייגט זיך נאָר ווען ער איז יונג
6 אַ בלינדער הינדעל געפינט אויך אַ מאָל אַ קערענדיל
7 אַ בלינדער פערד טרעפט גלייך אין גרוב אַריין
8 אַ בן־זקונים איז אַ פאַרטיגער יתום
9 אַ בעל־מלאכה אַרבעט פאַר דעם עססען און עסט פאַר דער אַרבייט
10 אַ בעל־מלאכה שטאַרבט ניט פאַר הונגער
11 אַ בערייהמער איז גוט צו שלאָגען
12 אַ ברונען שעפט זיך אויך אויס [2]
13 אַ גאַנץ יאָהר באַרוויס און תשעה־באָב אין זאָקען [3]
14 אַ גאַנץ יאָהר שיכור און פורים ניכטער...
15 אַ גאַנצער נאַרר איז אַ האַלבער נביא [4]
16 אַ נאַסט אויף אַ ווייל זעהט אויף אַ מייל.
17 אַ גוט וואָרט ברייננט אַ גוטען ענטפער
18 אַ גוטער ברויכט ניט קיין קלעפּ, אַ שלעכ־טען העלפט ניט קיין קלעפּ.
19 אַ גוטער מאָגען קען פיעל פערטראָגען
20 אַ ביסעל און אַ ביסעל ווערט אַ פוללע שיססעל
21 אַ געמאַכטע מכשפה איז ערגער פון אַ אמתה
22 אַ דאַנק קען מען ניט אין קעשענע אַריין לייגען
23 אַ דאָקטאָר קען זיך אַליין ניט היילען
24 אַ הונד בלייבט אַ הונד
25 אַ הונד וואָס בילט בייסט ניט
26 אַ הונד זאָל מיין הארץ אויס־חאַפּען וואָלט ער משוגע געוואָרען
27 אַ היימעשען גנב קען מען ניט איינהיטען
82 אָהן פייער איז קיין רויך ניט
29 אַ וואוילער יונג איז שטענדיג אין דער ערד
30 אַ וואָרים אין חריין מיינט אַז קיין זיסערס איז ניט דאָ
31 אַ ווייב שטעלט אויף די פּים און וואַרפט פון די פּים
32 אויף אַ יונגען בוים שפּרינגען אַללע ציגען
33 אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט
34 אויף אַ נאַרר איז קיין פּירוש צו מאַכען
35 אויף אַ פאַרשיידע פערד שטעלען זיך אַל־לע פליגען
36 אויף אַ פרעמדער באָרד איז גוט זיך צו־לערנען שערען
87 אויף גאָטט טאָר מען קיין קשיא ניט פרעגען וואָרום ער זאָגט: אַז דו ווילסט ויסען דעם תירוץ קום צו מיר.

1] זיך איינרעדען (איינבילדען) אז מען איז קראנק. 2] אללעס האט א ענדע, א גרונד: א מלמד האט זיך אמאָל מיט דעם וואָרטיל פאר־ענטפערט ווען איינער האט איהם פאָר-געהאלטען פאר-וואָס ער ערקלעהרט זיינע תלמידים פאלש דעם חומש, חאטש ווען ער האט שוין געגוג מאָל אין זיין לעבען איבער געלערנט. 3] א ארעמער שלעפער וואס איז אגאנץ יאהר ארום געלאפען בארוועס, האט זיך אים תשעה-באָב אנגעטהון אין זאָקען כדי ער זאָל מיט דער פרעמענע וויזען אז ער קלאָגט נאָך דעם בית־המקדש גלייך ווי אללע מענשען. 4] ווייל קינדער און גארראָנים זאגען דעם אמת (אדער: זיי קאָנען קיין ליגען ניט זאָגען).

38 אויף דֶעם גַנָב בְּרֶענְט דָאס הִיטָעל 1]
39 אויף דֶעם רוּחַ אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא
40 אוּמגֶעקֶעהרְט הֵייסְט אוֹיךְ גֶעפָּאהרֶען
41 אוּמזֵיסְט אִיז נָאר דֶער טוֹידְט אוּנ דָאךְ קָאסְט עֶר דָאס לֶעבֶּען
42 אוּמֶעטאוּם אִיז גוּט אוּנ אִין דֶער הֵיים אִיז נָאךְ בֶּעסֶער
43 אוּנְטֶער דִי אוֹיגֶען מֶעג מֶען רֶעדֶען וָואס מֶע ווִיל
44 אַז אִיטְלִיכֶער צָאהלְט בֶּעזוּנְדֶער, אִיז דֶער בַּייטֶעל גֶעזוּנְדֶער
45 אַז אַיין אָרֶעמַאנְן עֶסְט אַ הוּהן אִיז עֶר קְרַאנְק אָדֶער דִי הוּהן
46 אַז אַ קַארְגֶער וֶוערְד מִילְד עֶסְט עֶר בָּארשְׁט מִיט לֶעקַאךְ.
47 אַז גָאטט גִיבְּט בְּרוֹידט גֶעבֶּען מֶענְשֶׁען פּוּטֶער 2]
48 אַז גָאטט גִיבְּט מִיט דֶעם לֶעפֶעל, גֶעבֶּען מֶענְשֶׁען מִיט דֶעם שֶׁעפֶּעל
49 אַז גַנָבִים שְׁלָאגֶען זִיךְ, קוּמְט אַרוֹיס דִי גְנֵבָה
50 אַז דָאס הַארְץ אִיז פוּלל, גָעהן דִי אוֹיגֶען אִיבֶּער
51 אַז דָאס מֵיידִיל קָאן נִיט טַאנְצֶען, זָאגְט זִי דִי כְּלֵי־זֶמֶר קֶענֶען נִיט שְׁפִּיעלֶען
52 אַז דִי בַּעל־בַּיִתְטֶע אִיז אַ שְׁלִים־מַזָלְנִיצֶע אִיז דִי קַאטְץ אַ נַאשֶׁערֶען
53 אַז דִי וֶועלְט זָאגְט, זָאל מֶען גְלוֹיבֶּען
64 אַז דִי מוֹיז אִיז זַאט, אִיז אִיהר דָאס מֶעהל בִּיטֶער
55 אַז דִי נְגִידִים זָאכֶען, הָאבֶּען דִי אָרֶעמֶע־לַייט וָואס צוּ קָאכֶען
56 אַז דִי קַאטְץ וַואשְׁט זִיךְ, וֶועלֶען זַיין גֶאסְט
57 אַז דִי הֵייפֶען צוּ־שְׁפְּרִינְגֶען, צוּ־פַאלְט דָאס פַּאס

58 אַז דֶער בַּעַל־שִׂמְחָה אִיז אַ פְּרֶעסֶער, קוּמְט דִי גֶאסְט גָאר נִיט אָן
59 אַז דֶער הָאן קְרֵייט, קְרֵייט עֶר אוּמֶעטְאוּם
60 אַז דֶער וָואגֶען פַּאלְט, זָענֶען דִי רֶעדֶער צוּ־שְׁוֶוער
61 אַז דֶער טֶעסֶער זִיצְט אוֹיף דִי שְׁפָּענֶער, זֶענֶען דִי שְׁפֶּענֶער— שְׁפֶּענֶער
62 אַז דֶער מַאנְן שְׁטַארְבְּט, וַוייסֶען דִי שְׁכֵנִים ווִי פִיעל קִינְדֶער עֶר הָאט
63 אַז דֶער סִידוּר אִיז נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען
64 אַז דֶער קָאפּ אִיז נִיט דָא, גֶעהט אַללֶעס אִין דֶער עֶרְד
65 אַז דֶער רָב גֶעהְט אִין שְׁטְרַיימֶעל, גֶעהְט דִי רֶבֶּעצִין אִין סְפָּאדִיק
66 אַז דֶער תַּלְמִיד אִיז אַ וואוילֶער, אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ אַ וואוילֶער
67 אַזוֹי גֵייט עֶס אוֹיף דֶער וֶועלְט: אֵיינֶער הָאט דָאס בַּייטֶעל אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער דָאס גֶעלְד
68 אַזוֹי לַאנְג בִּיז דָאס רֶענְדֶעל אִיז נִיט אוֹיס גֶעבִּיטֶען, גִילְט עֶס
59 אַזוֹי לַאנְג דָאס רֶעדֶעל דְרֶעהט זִיךְ, דְרֶעהְט עֶס זִיךְ
07 אַ זַיינֶער וָואס שְׁטֶעהט, אִיז בֶּעסֶער אַיידֶער עֶר שְׁלֶעכְט גֶעהְט
71 אַז מֶע אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶעם חַזָן, עֶנְטְפֶערְט מֶען קַיין אָמֵן נִיט
72 אַז מֶע אִיז פוֹיל, הָאט מֶען נִיט אִין מוֹיל
78 אַז מֶע אִיז צוּ קְלוּג, לִיגְט מֶען גָאר אִין דֶער עֶרְד
74 אַז מֶע בֶּעקוּמְט דָאס בְּרוֹיט, קוּמְט דֶער טוֹידְט
75 אַז מֶע בְּרִיהט זִיךְ אָב אוֹיף הֵייסֶען, בְּלָאזְט מֶען אוֹיף קַאלְטֶען

1] ד. ה. דער בעל-עברה רעכענט זיך תמיד אין סכנה: אויף א יאריד האט פליצום איינער א געשריי געטהון „אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל". דער וועלכען די ווערטער האבען איבער-געשראָקען האט זיך א חאַפּ געטהון ביי דעם היטעל, דער מיט האט ער זיך אלליין אויס-געגעבען. 2] ווענן דעם מענשען שפיעלט דאס גליק, פערדיענען ביי איהם אנדערע מענשען אויך.

76 אַז מֶע גִיט אַ זֶעץ אַהוּנְט וָואיֶען אַללֶע

77 אַז מֶע גַנְבֶת אַרוֹיס דָאס פֶערְד, פַאר־שְׁלִיסְט מֶען דֶעם שְׁטַאל

78 אַז מֶע גֶעהְט אִין מִיטֶען, הָאט מֶען אַ גָאלְדֶענֶעם שְׁלִיטֶען

79 אַז מֶע גֶעהט גְלַייך, פַאלְט מֶען נִיט

80 אַז מֶע דַארְף דֶעם גַנָב, שְׁנַיידְט מֶען אִיהם אָב פוּן דֶער תְּלִיָה

81 אַז מֶע הָאט בְּרוֹידְט, זָאל מֶען קַיין זֶעמִיל (אָדֶער לֶעקֶעך) נִיט זוּכֶען

82 אַז מֶע הָאט דִי וֶועלְט, הָאט מֶען יֶענֶע וֶועלְט אוֹיךְ [1]

83 אַז מֶע הָאט נִיט אוֹף שַׁבָּת, הָאט מֶען נִיט אוֹיף זוּנְטָאג [2]

84 אַז מֶע הָאט נִיט קַיין פִינְגֶער, קֶען מֶען קַיין פַייג נִיט מַאכֶען

85 אַז מֶע הָאט נִיט אִין קָאפּ, מוּז מֶען הָאבֶען אִין דִי פִּיס [3]

86 אַז מֶען הָאט נֶעכְטֶען גֶעגֶעסֶען, אִיז מֶען הַיינְט נִיט זַאט

87 אַז מֶע הָאט קִינְדֶער אִין דִי וִויגֶען, זָאל מֶען לַייטֶען לָאזֶען צוּ פְרִידֶען

88 אַז מֶע הַאקְט הָאלְץ, פַאללֶען שְׁפֶּענֶער

89 אַז מֶען וַויינְט זִיךְ אוֹיס, וֶוערְט גְרִינְגֶער אוֹיף דֶעם הַארְץ

90 אַז מֶען ווִילל זִיךְ אוֹיס־שְׁלָאגֶען דִי הוֹצָאוֹת, שְׁלָאגְט מֶען זִיךְ אוֹיס דִי צֵיין

91 אַז מֶען ווִילל זִיךְ בַּיים כָּבוֹד הֶער־הַאלְטֶען, מוּז מֶען דֶעם מָאהַל־צַייט אוֹיף צְווַייֶען שְׁפַּאלְטֶען

92 אַז מֶען ווִילל יוֹצֵא זַיין פַאר דֶער וֶועלְט, קָאסְט פִיעל גֶעלְד

93 אַז מֶען וֶועט דִיר אָן רֶעדֶען אוֹיף יֶענֶעם זָאלְסְט דוּ נִיט גְלוֹיבֶּען בִּיז עֶס זֶעהֶען דַיינֶע אוֹיגֶען

94 אַז מֶע וֶוערְט אָן דָאס גֶעלְד, וֶוערְט מֶען אָן דֶעם שֵׂכֶל אוֹיךְ

95 אַז מֶע זָאגְט גֶעשְׁטָארְבֶּען — גְלוֹיבּ!

96 אַז מֶע זָאגְט מְשׁוּגַע גְלוֹיבּ!

97 אַז מֶע זוּכְט אַ בָּאנְדֶער, גֶעפִינְט מֶען אַ גְלֶעזֶער

98 אַז מֶע טְהוּט אַ הוּנְד גוּטְס, בִּילְט עֶר

99 אַז מֶע טְהוּט מִיט דֶעם שְׁוֶוער, שְׁלָאפְט מֶען מִיט דֶעם בֶּער. [4]

100 אַז מֶע לֶעגְט זִיךְ הוּנְגֶערֶעג, שְׁטֶעהט מֶען אוֹיף שְׁלֶעפֶּערִיג

101 אַז מֶע לֶעבְּט אָהן חֶשְׁבּוֹן, שְׁטַארְבְּט מֶען אָהן וִידוּי

102 אַז מֶע לֶעבְּט, דֶער לֶעבְּט מֶען אַללֶעס

103 אַז מֶען נֶעמְט אַרָאבּ דִי סְמֶעטֶענֶע, בְּלַייבְּט דִי זוֹיֶער־מִילְךְ

104 אַז מֶע פוֹיקְט, לָאז מֶען וַוייטֶער פוֹיקֶען [5]

105 אַז מֶע צָאהלְט גֶעלְד, אִיז וֶוערְט גֶעלְד

106 אַז מֶע צוּ טְרֶעט אַ וָוארֶעם, קְרִימְט עֶר זִיךְ אוֹיךְ

---

1] דער וואס האט די וועלט קען טהון גוטס אויף ד ע ר ו ו ע ל ט ער זאל האבען יענע וועלט אויך. 2] ווען עס האט נאר געפעהלט געלד אויף שבת ועט מען זונטאג געוויס ניט האבען, ווייל אים שבת קען מען ניט פאר־דינען אנ־צו־גרייטען אויף דעם אנדערען טאג. 3] אז מען פאר־געסט עפיס מיט־נעמען אונ מען מוז זיך אומקעהרען זאגט מען: דער קאפ האט פאר־געסען אונ די פיס מוזען ענטפערען. 4] אז מען טוהט א שידוך מיט דעם שווער ווייל ער איז א שאֵנעו יוד, חאטש די כלה איז א מיאוסע.

5] דאס שפריכווארט שטאמט פון דער דאזיגער מעשה: אמאָליגע יאהרען איז געוועזען איינגעפיהרט אז ווען איינער האט אויפגעהערט צאהלען זיינע חובות ד. ה. „אנגעזעטצט" פלעגט קהל שיקען א פויקער ער זאלל זיך שטעלען ביי דעם אנזעצערס שטיב אדער קראם אונ זאל פויקען כדי די גאנצע שטאדט זאלל וויסען ווער עס האט אנגעזעטצט. איינמאל האט זיך געמאכט, אז שמערעל דער קרעמער האט אנגעזעטצט אונ דער פויקער האט א טעות געהאט אנשטאט וואס ער האט בעדארפט זיך שטעלען פויקען ביי שמערעלס קראם האט ער זיך געשטעלט ביי בערעלס קראם, אז בערעל האט פליצום דערהערט ווי מען פויקט נעבען זיין קראם אונ חאטש טהייל האבען איהם געזאגט אז דער פויקער האט א טעות געהאט, נאר בערעל האט דעראויף געענטפערט „אז מען פויקט זאלל מען שוין ווייטער אויך פויקען" אונ האט טאקע אויפגעהערט צאהלען זיינע בעלי־חובות.

101 אַז מֶע קוּקְט אַרוּים אוֹיף דֶעם שְׁוֶועֶרְם שְׁטִיוֶועל, גֶעהט מֶען בַּארְוֶועם

10 אַז מֶע קְלַאפְּט אוֹיף דֶעם טִישׁ, רוּפְט זִיךְ אָן דִי שֶׁעער

10 אַז מֶע קְלוֹיבְּט צוּ פִּיעל, פַאלְט מֶען אִין בְּלָאטֶע אַרַיין [1]

1 אַז מֶע קֶען נִיט אַרִיבֶּער, מוּז מֶען אַרוּנְטֶער

111 אַז מֶע קֶען נִיט בַּייסֶען, זָאל מֶען דִי צֵיין נִיט וַוייזֶען

112 אַז מֶע קֶען נִיט מַאכֶען וִוי מֶען ווִילל, מוּז מֶען וֶועלֶען וִוי מֶען קֶען

113 אַז מֶען שְׁטֶעלְט נִיט אַיין, נֶעהמְט מֶען נִיט אוֹים

114 אַז מֶע שִׁיקְט אַ נַארר אוֹיף דֶעם מַארְק, פְּרֵייֶען זִיךְ דִי קְרֶעמֶער

115 אַז מֶע שְׁמִיֶערְט, פָאהְרְט מֶען

116 אַז מֶע שְׁפַּייֶעט דֶעם צִיגַיינֶער אִין פָּנִים, זָאגְט עֶר: עֶס רֶעגֶענְט

117 אַז מֶע שְׁפִּיעלְט זִיךְ מִיט אַ קַאטְץ, מוּז מֶען פַאר־לִיעבּ נֶעהמֶען אִיהר קְרַאטְץ

118 אַז עֶס אִיז נִיט דָא קַיין פְּלֵיישׁ, גְרִיזֶעט מֶען דִי בֵּיינֶער

119 אַז עֶס גֶעהְט, לוֹיפְט עֶס

120 אַז עֶס קוּמְט אַרוּים פוּן אַ קַאטְץ, מַאכְט עֶס „מְיַאוּ".

121 אַז עֶס קוּמְט דֶער בַּאשֶׁערְטֶער, וֶוערְט דָאס אִין צְוֵויי וֶוארְטֶער

122 אַז עֶס קוּמֶען דִי מֵאוֹת, קוּמֶען דִי דֵעוֹת,

123 אַז פָּאטֶער אוּנ מוּטֶער זֶענֶען שֵׁדִים, קוּמֶען אַרוּים קִינְדֶער וִוי דִי רוּחוֹת

124 אַז צְוֵויי זָאגֶען שִׁיכּוֹר, דַארְף זִיךְ דֶער דְרִיטֶער לֵייגֶען שְׁלָאפֶען

125 אַז צְוֵויי שְׁלָאפֶען אוֹיף אֵיין קִישֶׁען, דַארְף זִיךְ דֶער דְרִיטֶער נִיט מִישֶׁען

126 אַז קְרוּפְּנִיק אִיז אַיין אֲכִילָה, אִיז חַאנְדְרִיוְקֶע אַ קְהִלָּה

127 אַ חַיֵי שָׁעָה הֵייסְט אוֹיךְ גֶעלֶעבְּט,

128 אַ חִסָרוֹן דִי כַּלָה אִיז צוּ שֶׁאן

129 אַ טוּיטֶען טְרָאגְט מֶען נִיט צוּרִיק

130 אִיבֶּער אַיין אָנגֶעהוֹיבֶּענֶע חַלָה אִיז נִיט גוּט קַיין הַמוֹצִיא צוּ מַאכֶען

131 אַ יוּד אַ לַמְדָן גִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַנ־עֵצָה

132 אַ יוּד גִיט זִיךְ אַללֶע מָאהל אַנ־עֵצָה

133 אַ יוּדִישׁ מֵיידִיל פַאר־זִיצְט נִיט

134 אַ יוּדִישֶׁע נְשָׁמָה (קִישְׁקֶע) קֶען מָען נִיט שַׁאצֶען

135 אַ יוּדִישֶׁע עַיִן הָרָע אִיז עֶרְגֶער וִוי גוֹיִשֶׁער כִּשׁוּף

136 אַ יוּדִישֶׁע עֲשִׁירוּת אִיז וִוי אַ מַארְצָאוָור (חוֹדֶשׁ מֶארְץ) שְׁנֵיי

137 אַ יוּדִישֶׁער תַּעֲנוּג אִיז אַ קִיהלֶער תִּשְׁעָה בְּאָב, אַ יוּדִישׁ גְלִיק אִיז אַז עֶר קוּמְט צוּ בָּרְכוּ, אַ יוּדִישׁ גֶעוִוינְס אִיז דֶער גוֹרָל צוּ קַדִישׁ

138 אַ יוּנְגֶעל אַ שְׁטִיפֶער הָאט אַ גוּט קֶעפֶּער

139 אַ יוּנְגֶער קֶען שְׁטַארְבֶּען אוּנ אַ אַלְטֶער מוּז שְׁטַארְבֶּען

140 אַ יָחִיד קֶעגֶען קָהָל (רַבִּים) פֶערלִירְט אַלֶע מָאהל

141 אִיטְלֶעכֶער אָרֶעמַאנן וֵוייסְט פוּן זַיין עֲשִׁירוּת

142 אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ זַיין בֶּערְגָעל מִיסְט פַאר זַיין טְהִיר [2]

143 אִיטְלֶעכֶער וָוארֶעם הָאט זַיין דָארוּם [3]

144 אִיטְלֶעכֶער מֶענְשׁ מוּז קוּקֶען אִינְטֶער זִיךְ נִיט פַאר זִיךְ

145 אִיטְלֶעכֶער נִישְׁט אִיז תַּקִיף אוֹיף זַיין מִיסְט

146 אֵייגֶענְס אִיז לִיעבּ [4]

147 אֵיידֶער מֶע דֶער־קָאנְט דֶעם מֶענְשֶׁען מוּז מֶען פְרִיהֶער מִיט אִיהם אוֹיף עֶסֶען אַ שֶׁעפֶּעל זַאלְץ

---

1) ביי א שידוך ווען מע קלייבט צו פיעל טהוט מען לסוף דעם ערגסטען שידוך. 2) איטליכער האט זיין פעקיל צרות. 3) אויף יעדער פראגע איז דא א ענטפער „ווארום?— דארום". 4) אנדערע האבען אבער אויך פרעמדעס ניט פיינד. (הויז-פריינד)

148 אֵיידֶער מֶע וֶוערְט זִיבֶּעצִיג יָאהר קוּמְט אַללֶעס פַאר דִי אויגֶען

149 אֵיידֶער עֶס וֶועט קוּמֶען דִי נֶחָמָה, קֶען אוֹיס־גֶעהן דִי נְשָׁמָה

150 אֵיין אוֹיג שַׁאדְט דֶער גַאנְצֶער בַּאק

151 אַיין אוֹיפ־גֶעקְלֶערְטֶער אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶאדְטִיל עֶסְט קַאשִׁי מִיט חֵלֶב אָדֶער שְׁנוֹיץ מִיט בְּרוֹיְדט

152 אַיין אַלְטֶער בְּרֶעכְט אוּנ אַיוּנְגֶער בּוֹיֶעט אִיז נָאךְ נִיט גְלַייךְ

153 אַיין אָקְם הָאט אַ לַאנְגֶע צוּנְג אוּנ קֶען קַיין שׁוֹפָר נִיט בְּלָאזֶען

154 אַיין אָרֶעמַאנן אִיז וִוי אַלֶעכֶערדִיגֶער זַאק.

155 אַיין אָרֶעמֶע מְלָאכָה אִיז אוֹיךְ אַ מְלָאכָה

156 אֵיין מָאהל אִיז עֶס שֶׁאן, צְוֵוייִ־מָאהל הָאט עֶס חֵן, דְרַיי־מָאהל בְּרֶעכְט מֶען שׁוֹין הַאלְז אוּנ בֵּיין

157 אֵיין מַאמֶע קֶען צֶעהן קִינְדֶער צוּ פְרִידֶען שְׁטֶעלֶען, אָבֶּער צֶעהן קִינְדֶער נִיט אֵיין מַאמֶע

158 אֵיינֶעמְס שְׁלִים־מַזָל אִיז יֶענֶעמְס מַזָל

159 אֵיינֶער הָאט דָאס אוֹיף דֶער־לִינְג, דֶער צְוֵוייטֶער אוֹיף דֶער צוּנְג

160 אֵיינֶער ווִילל לֶעבֶּען אוּנ קָאן נִיט, דֶער אַנְדֶערֶער קָאן אוּנ ווִילל נִיט

161 אֵיין שְׁוַואלְבּ קֶען קַיין זוּמֶער נִיט מַאכֶען

162 אִין אַ בְּרֵייטֶער טְהִיר אַרַיין, אִין אַשְׁמָאלֶער אַרוֹיס

163 אִין אַ גְרוֹיסֶען טַייךְ חַאפְּט מֶען גְרוֹיסֶע פִישׁ.

164 אִין אַ סַךְ מְלָאכוֹת אִיז וֵויינִיג בְּרָכוֹת

165 אִין בָּאד זֶענֶען אַללֶע גְלַייךְ

166 אִין דֶעם שְׁלָאף זִינְדֶעגְט מֶען נִיט

167 אִין דֶער מִקְוֶה לָאזְט מֶען אַללֶע עֲבֵרוֹת.

168 אִין פוֹילֶען אִיז אַללֶעס קְרִים נָאר דִי טְרֶעפּ זֶענֶען גְלַייךְ

169 אִין צְוֵוייֶען אִיז שְׁטַארְקֶער

170 אַ כָּשֵׁרֶער גְרָאשֶׁען אִיז בֶּעסֶער וִוי אַ טְרֵפָה קֶערְבִּיל

171 אַ לָאךְ מַאכְט אַ גַנָב

172 אַ לִיגְנֶער גְלוֹיבְּט נִיט קֵיינֶעם

173 אַ לִיגְנֶער מוּז הָאבֶּען אַ גוּטֶען זִכָּרוֹן

174 אַ לִיגֶען מִיט אַ סִימָן

175 אַלֵיין קֶען מֶען עֶסֶען אָבֶּער נִיט אַרְבֵּייטֶען.

176 אַללֶע אָרֶעמֶע לַייט הָאבֶּען גוּטֶע הֶערְצֶער,

177 אַללֶע הוֹיקֶערְס זֶענֶען קְרִים נָאר דֶער הוֹקֵר רַגְלְךָ אִיז גְלַייךְ [1]

178 אַללֶע חַזָנִים זֶענֶען נַארָאנִים, אָבֶּער נִיט אַללֶע נַארָאנִים זֶענֶען חַזָנִים

179 אַללֶע יַקְרָנִים הָאבֶּען דֶעם דַלוּת

180 אַללֶע מַעֲלוֹת קֶענֶען נִיט זַיין אִין אֵיינֶעם.

181 אַללֶע מְשׁוּגָעִים שְׁלָאגֶען יֶענֶעם דִי פֶענְסְטֶער

182 אַללֶעס אִיז בַּיי יוּדֶען וֵוייניג נָאר שֵׂכֶל הָאט יֶעדֶער גֶענוּג

183 אַללֶעס בֶּעסֶער וִוי גֶעשְׁטָארְבֶּען

184 אַללֶעס בֶּעקוּמְט מֶען פַאר גֶעלְד נָאר קַיין שֵׂכֶל נִיט

185 אַללֶעס זָאל מֶען קֶענֶען—גָאר נִישְׁט זָאל מֶען בֶּעדַארְפֶען

186 אַלֶע שׁוּסְטֶער גֶעהֶען בָּארְוָועס

187 אַללֶע שֵׁיינְדֶעלֶעךְ זֶענֶען מִיאוּסֶע, אַללֶע גִיטֶעלֶעךְ זֶענֶען בֶּאז.

188 אַמָאהל קוֹיפְט מֶען דֶעם קְלִיגֶען פַאר אַ גְרָאשֶׁען אוּנ דֶעם נַאר פַאר אַ רֶענְדֶעל

189 אַ מוּטֶער מוּז הָאבֶּען אַ גְרוֹים פַארְטוּךְ דִי חֶסְרוֹנוֹת פוּן דִי קִינְדֶער צוּ פַאר־דֶעקֶען

190 אַ מוֹכֵר סְפָרִים אִיז קַיין לַמְדָן, אַ חַלְפָן אִיז קַיין עוֹשֶׁר אוּנ אַ קְבָרוֹת יוּד אִיז קַיין צַדִיק

191 אַ מְחוּתָּן טָאר קַיין הוּנְד נִיט זַיין

192 אַ מַחֲלוֹקָה אִיז אַ פַייֶער

1] א פסוק אין משלי „הוקר רגלך מבית רעך״, ד. ה. האלט זעלטען דיינע פיס צו-קוממען אָפּט צו דיין בעקאנטען.

(הויז-פריינד)

193 אַ מְיאוּסֶע מוֹיד טָאר מֶען ־קיין קוּשׁ נִיט גֶעבֶּען

194 אַ מְיוּחָס עֶסְט רוּחוֹת

195 אַ מֵיידִיל אִיז ווִי אַ הַאנְדְטוּךְ. [1

196 אַ מַייסְטֶער וֶוערְט נִיט גֶעבּוֹירֶען

197 אַ מִנְהָג בְּרֶעכְט אַ דִין

198 אַ מְשׁוּגָעֶנֶער מֶעג אַלֶעס טְהוּן

199 אַ מַשְׁכּוֹן זָאל מֶען פַאר־זֶעצֶען, נָאר אַיין גְבִיר זָאל מֶען זַיין

200 אֱמֶת אִיז גוּט ־עֵדוּת צוּ זָאגֶען

201 אֱמֶת קוּמְט אַרוֹיס וִוי בּוֹימֶעל אוֹיף וַואסֶער.

202 אַ נַארר אִיז אַ גְזַר

203 אַ נַארר אִיז אַ קַאלִיקֶע אוֹיף אַלֶע פִיער [2

204 אַ נַארר אִיז גֶעזוּנְד פַאר זִיךְ

205 אַ נַארר! אַ נַארר! אוּנ שָׁאקֶעלְט זִיךְ

206 אַ נַארר הָאט ־קיין שְׁטָאדְט [אָרְט

207 אַ נַארר זָאגְט וָואס ־ער וַייסְט אוּנ אַ קְלוּגֶער וַייסְט וָואס ־ער זָאגְט

208 אַ נַארר טָאר מֶען ־קיין הַאלְבֶּע אַרְבֵּייט נִיט וַוייזֶען [3

209 אַ נַארִישְׁקֵייט אַז ־עס גְרֶאט אַ מָאהל. אִיז דָאס אוֹיךְ אַ נַארִישְׁקֵייט

210 אַ נַארִישְׁקֵייט גֶעדֵיינְקְט זִיךְ

211 אַ נַארר לַאכְט דְרַייא מָאהל [4

212 אַ נַארר ־קען אַ מָאהל זָאגֶען אַ גְלַייךְ וָוארְט אוֹיךְ

213 אַ נַארר ־קען מֶעהר פְרֶעגֶען אֵיידֶער צֶעהן קְלוּגֶע ־קענֶען ־ענְטְוֶוערֶען

214 אַ נָגִיד קוּמְט אָבּ אוּנ אַיין אָרֶעמַאנְן קוּמְט אוֹיף אִיז נָאךְ נִיט גְלַייךְ

215 אַ נַייֶער בֶּעזִים ־קֶערְט גוּט

216 אַ גֶעהֶמֶער אִיז נִיט ־קיין גֶעבֶּער

217 אַ עוֹשֶׁר הָאט ־קיין יוֹשֶׁר

218 אַ פָאדְרָאשְׁוֶוע אִין הָאנִיג גֶעפְּרֶעגֶעלְט אִיז אוֹיךְ זִיס

219 אַ פוֹילֶער שָׁלִיחַ גֶעפִינְט אַלֶע תֵּירוּצִים

220 אַ פָּסוּק מִיט אַ שְׁטֶעקֶען [5

221 אַ פָּרִיץ הָאט אִין זִינְן פֶערְד — אוּנ הוּנְד, אַ יוּד וַוייבּ אוּנ קִינְד

222 אַ פְרֶעמְדֶער פֶּעלְץ וַוארֶעמְט נִיט

223 אַ צַדִיק אִין פֶּעלְץ [6

224 אַ קַאטְץ אָדֶער אַ הִינְדִיג, אַבִּי אַ קַאטְץ אוֹיף שַׁבָּת

225 אַ קַאטְץ ־קֶען אוֹיךְ ־קַאלְיֶע מַאכֶען

226 אַ קָאמַאר ־קֶען אוֹיךְ בַּייסֶען

227 אַ קַארְגֶער צָאהְלְט טַייֶער, אַ פוֹילֶער גֶעהְט מֶעהר

228 אַ קַבְּצָן אִיז אַ בַּעַל־צְדָקָה אוֹיף פְרֶעמְדֶע ־קֶעשֶׁענֶעס

229 אַ קַבְּצָן הָאט תָּמִיד אַ שֶׁאנֶע טָאכְטֶער.

230 אַ קְלַאפּ פַאר־גֶעהְט אַ וָוארְט בַּייא־שְׁטֶעהט.

231 אַ קְלֵיין קִינְד אִיז אַ שְׁפִּיעלְכֶען, אַ גְרוֹיס קִינְד אַ מִיהַלְכֶען

232 אַ קְרַאנְקֶען פְרֶעגְט מֶען, אַ גֶעזוּנְדְטֶען גִיבְּט מֶען

233 אַ קְרַאנְקֶער לֶעבְּט פוּן קְרֵיינְק

234 אַ רָב אָהן אַ רֶבֶּצִין, אִיז אַ הַאלְבֶּע מַעֲשֶׂה

235 אַ הַאלְבֶּע שַׁאֲלָה אִיז טְרֵיפָה

236 אָרֶעם אִיז ־קיין שַׁאנְד

237 אַ שֶׁאן מֵיידִיל אִיז אַ הַאלְבֶּער נַדַן

---

1] יעדער שדכן אונ ווער עס וויל נאר, רעדט איהר שידוכים ווי י ע ד ע ן געפעלט, אָדער: כל זמן זי איז נאך ניט קיין כלה קען יעדער יונגער מאנן זיך אנמעסטען פאר א כלה, דרום זאָגט מען: „א מיידיל איז ווי א האנדטוך, ווער עס וויל ווישט זיך", 2] נאריש זיין איז אזא קראנקהייט וואס עס איז שווער אויס צו-קורירען ווי א קאליקע וואס איז געלעמט אויף די הענד מיט די פיס. 3] ווייל ביז אין ענדע וועט ער אליץ ניט אויפהערען צו פרעגען, (אדער: אלע מאל וועט ער נייע פראגען געפונען). 4] (1 אז ער הערט, (2 אז ער פערשטעהט, (3 אונ אז דער-מאנט זיך. 5] דער פסוק „ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו" (שמות י"א ז') ווערט בענוצט פאר א סגולה ווען הינד פאלען אן: דאך איז גוט דער ביי אויך א שטעקען צו האבען, ווירקט עס נאך בעסער; 6] אין דעם רעדען קען מען קיין אונטערשיעד ניט מאכען אז מע זאגט „צדיק" צי מיינט מען א צדיק — א פרומען יוד אדער דאס אות „צ" אזוי ווי אין מיטען ווארט שרייבט מען א קרימע צדיק „צ" אונ צום סוף וואָרט א שלעכטע „ץ" (פערדארבען פון דייטשען שליכט-גראדע:) „ץ" מוז אין וואָרט „פעלץ" געשריבען ווערען א שלעכטע „ץ" דאריבער אז מע וויל א שלעכטין צדיק זאגען א שטאָך וואָרטיל זאגט מען איהם אז ער איז א צדיק אין „פעלץ" דאס הייסט ווי די „ץ" אין וואָרט „פעלץ". (הויז-פריינד)

239 אַ שָׁאן פָּנִים קָאסְט גֶעלְד [1]

240 אַ שַׁדְכָן מוּז זַיין אַ לִיגְנֶער

241 אַ שׁוֹחֵט טָאר קַיין פְּגִימָה נִיט מַאכֶען

242 אַ שְׁטוּב אָהן אַ בַּעַל־בַּיִת־טֶע אִיז אַ פּוּהר אָהן רָעדֶער

243 אַ שְׁטֶענְדִיגֶער גְרָאשֶׁען אִיז בֶּעסֶער פוּן אַ זֶעלְטֶען קֶערְבִּיל

244 אַ שְׁטֶעקִין הָאט צְוַויי עֶקִין

245 אַ שִׁיכּוֹר בְּרוּיכְט מֶען נִיט צוּ שְׁטוּיסֶען

246 אַ שִׁיקְסֶע בַּיי אַ רָב, קֶען אוֹיךְ פַּסְקֶענֶען שַׁאֲלוֹת

247 אַ שְׁלִים־מַזָל פַּאלְט אוֹיף דֶעם גְרָאז אוּנ צוּ שְׁלָאגְט זִיךְ דִי נָאז

248 אַ שְׁלֶעכְט וַוייבּ, אִיז וִוי אַ ווִינְד אוֹיף דֶעם לַייבּ

249 אַ שְׁלֶעכְט וַוייבּ אִיז עֶרְגֶער ווִי דֶער טוֹידְט.

250 אַ שֵׁם טוֹב, אִיז בֶּעסֶער ווִי אֵיין אֶבֶן טוֹב

251 אַ שְׁנוּר מִיט אֵיין אֵיידֶעם זֶענֶען אַ פָּאר שֵׁדִים

252 אַ שָׁעָה אִין גַן־עֵדֶן אִיז אוֹיךְ גוּט

253 אַ שְׁפְּרִיכְוָוארְט, אִיז לְהַבְדִיל אַ תּוֹרָה

## ב.

254 בָּארְגֶען מַאכְט זָארְגֶען

255 בִּיז דֶער פֶעטֶער וֶוערְט מָאגֶער גֶעהט דֶער מָאגֶערֶער צוּ גְרוּנְד

256 בִּיז זִיבְּצִיג יָאהר לֶערֶענְט מֶען שֵׂכֶל, אוּנ מֶען שְׁטַארְבְּט אַ נַארר

257 בִּיסְט־דוּ אַ בְּהֵמָה קַאי שְׁטְרוֹי

258 בִּיסְט דוּ אַ זֶעלְנֶער, שְׁמֶעק זְשֶׁע פּוּלְוֶוער

259 בַּיי אַיין אָרֶעמַאנן, זָאל מֶען קַיין גֶעלְד לַייהֶען

260 בַּיי אַ פֶערְד קוּקְט מֶען אוֹיף דִי צֵיין בַּיי אַ מֶענְשֶׁען אוֹיף דֶעם שֵׂכֶל

261 בֵּיידֶע אִין אֵיינֶעם, אִיז נִיט דָא בַּיי קֵיינֶעם

262 בַּיי דֶעם אָרֶעמַאנן וֶוערְט דִי חָכְמָה דֶער שְׁלָאגֶען

263 בַּיים מִשְׁפָּט מוּז מֶען בֵּיידֶע אוֹיס־הֶערֶען

264 בַּיי־נַאכְט זֶענֶען אַלֶע קִיה שְׁוַוארְץ

265 בִּינְד מִיךְ אוֹיף אַלֶע פִיער, נָאר וַוארְף מִיךְ צְווִישֶׁען מַיינִיגֶע

266 בֶּעסֶער אַ בּוּשֶׁת פָּנִים אֵיידֶער אַ עַזוּת פָּנִים

267 בֶּעסֶער אַ בִּיטֶערֶע בְּלַאט פוּן גָאט אֵיידֶער אַ זִיסֶע פוּן מֶענְשֶׁען

268 בֶּעסֶער אַ גֶעוַואנְדֶעטֶער נַארר אֵיידֶער אַ הַיימֶעשֶׁער חָכָם

269 בֶּעסֶער אַ וַוייטָאג אִין הַארְץ אֵיידֶער אַ חַרְפָּה אִין פָּנִים

270 בֶּעסֶער אַ יוּד אָהן אַ בָּארְד ווִי אַ בָּארְד אָהן אַ יוּדֶען

271 בֶּעסֶער אַ יוּנְגֶע אַלְמָנָה, אֵיידֶער אַ אַלְטֶע מוֹיד

272 בֶּעסֶער אַיין אוּמְרֶעכְט לַיידֶען, אֵיידֶער טְהוּן

273 בֶּעסֶער אַיין אַלְטֶער טָאפּ, אֵיידֶער אַ נַייֶער שַׁארְבֶּען

274 בֶּעסֶער אֵיין גוּטֶער פְרַיינְד, אֵיידֶער צֶעהן פַיינְד

275 בֶּעסֶער אִין גוֹיִשֶׁע הֶענְד, אֵיידֶער אִין יוּדִישֶׁע מַיילֶער

276 בֶּעסֶער אַ נָאהֶנְטֶען גְרָאשֶׁען אֵיידֶער אַ וַוייט קֶערְבֶּעל

277 בֶּעסֶער אַ פַּאטְשׁ, אֵיידֶער אַ פַאלְשֶׁער קוּשׁ

278 בֶּעסֶער אַ קְוִוינְט מַזָל אֵיידֶער אַ פוּנְט גָאלְד

279 בֶּעסֶער אַ רַייכֶער שָׁכֵן, אֵיידֶער אַיין אָרֶעמֶער בַּעַל־הַבַּיִת

280 בֶּעסֶער בַּיי זִיךְ קְרוּפְּנִיק [קָאלִישׁ] אֵיידֶער בַּיי יֶענֶעם גֶעבְּרָאטֶענְס

1] דער וואס ווילל האבען א שאָן פנים פאר דער וועלט דארף געבען צדקה, מיט-העלפען ארעמע ליִיט, לעבען שאָן ווי א מענש א. ז. וו. אונ דאס אללעס, פערשטעהט זיך, מוז קאָסטען געלד.

281 בֶּעסֶער בַּיים טַאטֶען בְּרויט, וִוי בַּיי זִיךְ קוֹיכֶעטְשׁ

282 בֶּעסֶער גוּט גֶעזֶעהֶן אֵיידֶער שְׁלֶעכְט גֶעהֶערְט

283 בֶּעסֶער גֶעזוּנְד גֶעהֶערְט, אֵיידֶער קְרַאנְק גֶעזֶעהֶן

284 בֶּעסֶער דָאס גְלִיק זוּכְט דֶעם מֶענְשֶׁען, אֵיידֶער דֶער מֶענְשׁ דָאס גְלִיק

585 בֶּעסֶער דָאס קִינְד זָאל וַויינֶען, אֵיידָער דִי עֶלְטֶערֶען

286 בֶּעסֶער דֶעם בֶּעקֶער, וִוי דֶעם דָאקְטָאר.

287 בֶּעסֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער רוֹגֶז אֵיידֶער דֶער אַנְדֶערֶער

288 בֶּעסֶער מִיט אַ קְלוּגֶען פֶּערְלִירֶען, אֵיידֶער מִיט אַ נַארר צוּ גֶעפִינֶען

289 בֶּעסֶער פַּאפִּיער צוּ־רַייסֶען, אֵיידֶער פַּארְמֶעט 1]

290 בֶּעסֶער פִּיער אִין פְרַיידֶען אֵיידֶער צְוַויי אִין לַיידֶען 2]

291 בֶּעסֶער פְרִיהר אֵיין וָוארְט, אֵיידָער צְוַויי דֶער נָאךְ

292 בֶּעסֶער צֶעהן מָאהל פֶערדָארְבֶּען, אֵיידֶער אֵיין מָאהל גֶעשְׁטָארְבֶּען

293 בֶּעסֶער שְׁלֶעכְט גֶעפָאהרֶען, אֵיידֶער גוּט גֶעגַאנְגֶען

294 בְּרֶעכְט זִיךְ אַ רִינְג, צוּ־רַייסְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע־קַייט

## ג.

295 גָאטט בַּאשֶׁערְט דֶעם טְרִינְקֶער זַיין וַויין, אוּנ דֶעם שְׁפִּיגֶער זַיין פְלַאקְם

296 גָאטט גִיט דִי קֶעלְט, נָאךְ דִי קְלֵיידֶער

297 גָאטט גִיט נִיט בְּחִנָם

298 גָאטט הָאט גֶעשְׁוָוארֶען, אִין דֶער וֶועלְט זָאל גָאר נִישְׁט וֶוערֶען פַאר־לוֹירֶען

299 גָאטט זִיצְט אוֹיבֶען, אוּנ פָארְט אוּנְטֶען

300 גָאטט שִׁיקְט דִי רְפוּאָה פַאר דֶער מַכָּה

301 גָאלְד לַייכְט פוּן בְּלָאטֶע אַרוֹים

302 גַדְלוּת לִיגְט אוֹיף דֶעם מִיסְט

303 גוּט אִיז דֶעם וָואס וֶוערְט בַּאגְלִיקְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער

304 גוּטֶע מָאנֶער, זֶענֶען שְׁלֶעכְטֶע צָאהלֶער

305 גוּטֶע פֶערְד, בְּלָאנְדְזֶען וַוייט

306 גִים נִיט אַרוֹים דִי אוּמְרֵיינֶע, כָּל זְמַן דוּ הָאסְט נִיט דִי רֵיינֶע

807 גֶעבֶּענְטְשְׁט זֶענֶען דִי הֶענְד וָואס טְהוּן זֶעלְבְּסְט

308 גֶעה לַאנְגְזַאם, וֶועסְט דוּ שְׁנֶעלֶער קוּמֶען

309 גֶעה פַּאמֶעלֶעךְ, וֶועסְט דוּ נִישְׁט פַאלֶען

310 גֶעלְד אִיז בְּלָאטֶע אָבֶער בְּלָאטֶע אִיז קַיין גֶעלְד

811 גֶעלְד גֶעהט צוּ גֶעלְד

812 גֶעלְד פָערדִינֶען, אִיז גְרִינְגֶער וִוי צוּ הַאלְטֶען

313 גֶעלְד פַארלוֹירֶען הַאלְב פַארלוֹירֶען, מוּטה פַארלוֹירֶען, אַללֶעם פַארלוֹירֶען

814 גֶעפַאשֶׁעט אִיז גֶעפָאהרֶען 3]

815 גֶעצְוואוּנְגֶען אוּנ גֶענֵייט, טְהוּט גָאטט לֵייד

816 גְרָאד אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט 4]

317 גְרָאהֶע הָאר זֶענֶען קְבָרוֹת בְּלֶעטְלִיךְ.

818 גְרִינְג צוּ זָאגֶען, שְׁוֶוער צוּ טְרָאגֶען

## ד.

319 דָאס אוֹיג דֶער־צֶעהלְט וָואס דָאס הַארְץ מֵיינְט

320 דָאס אוֹיבֶערְשְׁטֶע קְלֵייד פַאר־דֶעקְט דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע לֵייד

1] בעסער תנאים צו-רייסען וואס מע שרייבט אויף פאפיער איידער א גט וואס מע שרייבט אויף פארמעט. 2] איידער א פאר פאלג (מאנן אונ ווייב) זאללען זיך קריעגען איז גלייכער זיי זאללען זיך גט'ן, ער וועט חתונה האבען מיט איינער אונ זי מיט איינעם וועט אויס-קומען פריער צוויי אין ליידען אונ שפעטער פיער אין פריידען. 3] אום־געפאשעט קען מען ניט פאהרען; אז מע עסט ניט קענן מען ניט ארבייטען. 4] „גראד" הייסט צו־דער־פאאר, וואס צו־דער־פארר איז גוט, א פארר איז בעסער ווי איינער אדער איינע; אין צווייען איז שטארקער א. ז. וו.

321 דָאס בֶּעסְטֶע עֶפֶּעלֶע חַאפְּט אוֹיס דֶער
חָזִיר

327 דָאס בְּרוֹיט פַּאלְט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִי
פּוּטֶער אַרָאבּ

323 דָאס גוּטֶע גֶעדֵיינְקְט זִיךְ לַאנְג, דָאס
שְׁלֶעכְטֶע נָאךְ לֶאנְגֶער

324 דָאס גוּטֶע פֶערְד שְׁלָאגְט מֶען

325 דָאס הֶעמְד אִיז מִיר נֶאהֶנְטֶער וִוי דָאס
קְלֵייד

326 דָאס וָוארְט אִין מוֹיל אִיז אַ הַארר, פוּן
מוֹיל אִיז אַ נַארר

327 דָאס וַוייבּ מַאכְט פוּן דֶעם מַאנן וָואס זִי
ווִילל

328 דָאס מַזָל לָאזְט נִיט לַאנְג מִיט זִיךְ שְׁפִּילֶען.

329 דָאס עֶפֶּעלֶע פַאלְט נִיט וַוייט פוּן בּוֹימֶעלֶע.

330 דָאס עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, אִיז אַ גֶעזוּנְד צוּם לַייבּ.

331 דָאס פְּנִים אִיז אַ מָסוּר

332 דָאס קְרִיגֶעל גֶעהט זָא לַאנְג נָאךְ וַואסֶער
בִּיז דֶער אוֹיעֶר בְּרֶעכְט זִיךְ אָבּ

333 דָארְט וואו מֶען הָאט דִיךְ לִיעבּ גֶעה
וֶועניג און דָארְט וואו מֶען הָאט דִיךְ פַיינְט
גֶעה גָאר נִיט

334 דִי אוֹיגֶען זֶענֶען גְרֶעסֶער וִוי דָאס מוֹיל

335 דִי אֵייעֶר ווילֶען קְלִיגֶער זַיין פוּן דִי
הִיהנֶער

336 דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה אִין דֶער וֶועלְט אִיז
מְזוּמָן גֶעלְד

337 דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטָאדט

338 דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָארְגְט: דִי זָארְגְט וָואס
דִי פֶּערֶעל אִיז אִיהר צוּ שִׁיטֶער, און דִי
צְוַוייטֶע זָארְגְט וָואס דִי פֶּערִיל-גְרִיץ אִיז
צוּ שִׁיטֶער

339 דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֶעהט אוֹיף דֶעם
שְׁפִּיץ צוּנְג

340 דִי הַאלְבֶּע וֶועלְט לֶעבְּט וִוי שְׂרָרוֹת, דִי
אַנְדֶערֶע אִין צָרוֹת

341 דִי וֶועלְט אִיז אַ פַיינֶע, אָבֶּער יֶעדֶער
הָאט דָאס זַיינֶע

342 דִי וֶועלְט אִיז וִוי אַ לֵייטֶער: אֵיינֶער
גֶעהט אַרוֹיף דֶער צְוַוייטֶער אַרָאבּ

343 דִי זוּנְן שַׁיינְט גְלַייךְ, אוֹיף אָרֶעם און רַייךְ.

344 דִי זֶעלְבֶּע זוּנְן מַאכְט לַיינְוַואנְד וַוייס,
און דֶעם צִיגַאנֶער שְׁוַוארְץ

345 דִי טָאכְטֶער שְׁטְרָאפְט מֶען, דִי שְׁנוּר
מֵיינְט מֶען

346 דִי עֶרְשְׁטֶע פְלוֹימֶען זֶענֶען וֶוערֶעמְדִיג

347 דִי פִּיס טְרָאגֶען, וואו דֶער קָאפּ זָאל רוּהֶען.

348 דִי צַייט מַאכְט גְרָאה דִי פֵּאָה, און עֶנְדֶערְט
דִי דֵעה

349 דִי צִיג עֶסְט דָא גְרָאז און דָארְט גְרָאז 1)

350 דִי צוּנְג פֶערְפִיהְרְט דֶעם מֶענְשֶׁען צוּם
גְלִיק און אוּמְגְלִיק

351 דִי תּוֹרָה הָאט קֵיין גְרוּנְד

352 דַלוּת און גַאֲוָה פַּאסֶען נִיט צוּ־זַאמֶען

353 דֶעם אֶמֶת מֶעג מֶען זָאגֶען אֲפִילוּ אֵיין
אֵייגֶענֶעם טַאטֶען

354 דֶעם אָרֶעמַאנְן אִיז תָּמִיד דֶער ווִינְד אִין
דִי אוֹיגֶען

355 דֶעם גֶעפַאלֶענֶעם הֶעלְפְט גָאטט

356 דֶעם דַלוּת פַּאסְט אַללֶעם

357 דֶעם לִיגְנֶער גְלוֹיבְּט מֶען נִיט אֲפִילוּ אוֹיף
אַ אֶמֶת אוֹיךְ

358 דֶעם רֶבִּינְס עֶסֶען און דֶעם פֶּערְדְס
טְרִינְקֶען קֶען מֶען אוֹיס הַאלְטֶען, אָבֶּער
דֶעם רֶבִּינְס טְרִינְקֶען און דֶעם פֶּערְדְס
עֶסֶען אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ

359 דֶעם רָשָׁע גֶעהט אוֹיף דֶער וֶועלְט,
דֶעם צַדִיק אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט

360 דֶעם שַׁדְכָן שְׁטְרָאפְט גָאטט נִיט פַאר
זַיינֶע לִיגֶען

361 דֶער אֶמֶת אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁווִינְדֶעל.

1] דעם געמיינעם מענשען איז אומעטאום שלעכט,
(הויז-פריינד)

362 דֶער אֶתְרוֹג קָאסְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְד, אוּנ אִיבֶּער דֶעם לוּלָב מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה.
363 דֶער בֶּעסְטֶער בִּיסֶען קוּמְט אָהן דֶעם עֶרְגְסְטֶען הוּנְד
364 דֶער דָאקְטָאר קֶען צוּ אַללֶעם הֶעלְפֶען נָאר נִיט צוּם דַלוּת
365 דֶער דַלוּת לַייגְט זִיךְ צוּם עֶרְשְׁט אוֹיף דֶעם פָּנִים
366 דֶער הַאלְדְז הָאט אַ קְלֵיין לֶעבֶעל אוּנ פֶער־שְׁלִינגְט דִי הוֹיז מִיט דֶעם דֶעבֶעל.
367 דֶער הוּנְד חַאפְּט אַ בֵּייגֶעל בַּיים בֶּעקֶער, דֶער בֶּעקֶער בְּלַייבְּט אַ בֶּעקֶער.
368 דֶער וָואס הָאט אַ הוֹיקֶער, מוּז אִיהם טְרָאגֶען
369 דֶער וָואס הָאט גֶעהָאלְפֶען אוֹיף דִי פִּישׁ, וֶועט הֶעלְפֶען אוֹיף פֶּעפֶער.
370 דֶער וָואס הָאט דִי מֵאוֹת, הָאט דִי דֵעוֹת.
371 דֶער וָואס הָאט לִיעבּ צוּ נֶעהמֶען דֶער הָאט פַּיינְט צוּ גֶעבֶּען
372 דֶער וָואס זִיצְט לֶעבֶּען בּוּךְ דֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ אָן אַ גוּט יָאהר
373 דֶער וָואס טְרִינְקְט זִיךְ חַאפְּט זִיךְ אָן אָן אַ שַׁארְף פוּן אַ שְׁוֶוערְד
374 דֶער וָואס לוֹיבְּט זִיךְ אַלֵיין מוּז הָאבֶּען שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים
375 דֶער וָואס פְּרֶעגְט בְּלָאנְדְזֶעט נִיט
376 דֶער זַאטֶער גְלוֹיבְּט נִיט דֶעם הוּנגֶערִיגֶען.
377 דֶער חֶשְׁבּוֹן אִיז רִיכְטִיג, נָאר דָאס גֶעלְד פֶעהלְט
378 דֶער טוֹידְט אִיז קֵיין נְקָמָה
379 דֶער טוֹידְט בֶּעוַויְיזְט דֶעם אֱמֶת
380 דֶער טוֹידט קְלַייבְּט נִיט אִיבֶּער
381 דֶער כַּעַס אִיז אַ נַארר
382 דֶער לוּחַ טְרֶעפְט אוֹיךְ אַ מָאהל
383 דֶער לִיגְנֶער רֶעדְט זִיךְ דִי לִיגֶען אַיין, בִּיז עֶר גְלוֹיבְּט זִיךְ זֶעלְבְּסְט
384 דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת הָאט תָּמִיד אַיין אוֹיס־רֵייד
385 דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת זָארְגְט נִיט צוּ דֶער טוֹיטֶער הָאט תַּכְרִיכִים
386 דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת שֶׁעכְט אוּנ בְּלַייבְּט גֶערֶעכְט
387 דֶער מֶענְשׁ גֶעהט אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ ווַייסְט נִיט וָואס הִינְטֶער זַיינֶע פְּלֵייצֶעס גֶעפִינְט זִיךְ
388 דֶער מֶענְשׁ טְרַאכְט אוּנ גָאטט לַאכְט
389 דֶער עוֹשֶׁר בְּלָאזְט זִיךְ אוּנ דֶער אָרֶעמַאנְן וֶוערְדְט גֶעשְׁוָואלֶען
390 דֶער עֶרְשְׁטֶער בִּיסֶען אִיז אַיין עֶקְבּוֹיר
391 דֶער קוּגֶעל גֶערָאטְה נָאךְ דִי גֶעסְט
392 דֶער רֶבִּי מֶעג
393 דֶער שֵׂכֶל קוּמְט נָאךְ דִי יָאהרֶען
394 דֶער שַׁמָשׁ קְלַאפְּט אִין שׁוּל אַרַיין אוּנ לֵייגְט זִיךְ אַלֵיין שְׁלָאפֶען

## ה.

395 הָאבּ אִין זִינְן זִיךְ, וֶועסְט דוּ פַארְגֶעסֶען אָהן יֶעגֶעם
396 הָאבֶּען מִיר נִיט גֶעוָואלְט עֶסֶען מַן מוּזֶען מִיר עֶסֶען צִיבֶּעלֶעס
397 הַאלְט מִיךְ פַאר אַ רָב אוּנ הִיט מִיךְ וִוי אַ גַנָב
398 הַאנְדֶעל־שַׁאפְט אִיז קֵיין בְּרִידֶער־שַׁאפְט.

## ו.

399 וואוּ דָאס וַוייבּ רֶעגִירְט וֶוערְט מֶען אִיבֶּער־גֶעפִיהרְט
004 וואוּ דַלוּת דָארְט אִיז אַללֶעס
401 וואוּ דֶער שְׁטְרִיק אִיז דִיעְן דָארְט רַייסְט עֶר זִיךְ
402 וואוּל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אִין דֶער הֵיים.
408 וואוּל צוּ דֶעם וָואס קוּמְט צוּ אַ גְרֵייטֶע שִׁיסֶעל
404 וואוּ מֶע גֶעהט פִיעל, וַואקְסְט קֵיין גְרָאז.
405 וואוּ מֶע דַארְף הָאבֶּען מוֹחַ הֶעלְפְט נִיט קֵיין כֹּחַ
406 וואוּ תּוֹרָה דָארְט אִיז חָכְמָה

407 וָואס אֵיינֶער הָאט אִין זִיךְ, וַוארְפְט עֶר
פוּן זִיךְ

408 וָואס אַלְטֶע קֵייעֶן טְהוּן יוּנְגֶע שְׁפַּייֶען

409 וואו אַ סוֹד דָארְט אִיז אַ גְנֵבָה

410 וָואס בַּאשֶׁערְט דָאס בַּאוֶוערְט

411 וָואס בַּיי אַ נִיכְטֶערֶען אוֹיף דֶער לוּנְג, אִיז
בַּיי אַ שִׁיכּוֹרֶען אוֹיף דֶער צוּנְג

412 וָואס בַּיי דֶעם נָגִיד פַאר־וַואלְגֶערְט זִיךְ,
גֶעפִינְט זִיךְ נִיט בַּיים אָרֶעמַאנן אִין
פַאר־מֶעגֶען

413 וָואס בַּיי יֶענֶעם אִיז שֶׁאן

414 וָואס בִּילִיג אִיז טַייעֶר

415 וָואס גָאט טהוּט, אִיז מִסְתָּמָא גוּט

416 וָואס דֶער מֶענְשׁ טְהוּט זִיךְ זֶעלְבְּסְט,
וָואלְטֶען אִיהם קֵיין צֶעהן שׂוֹנְאִים נִיט
גֶעטְהוּן

417 וָואס דֶער פָּרִיץ אִיז גְרֶעסֶער אִיז עֶר אַלְץ
קְלֶענֶער בַּיי זִיךְ

418 וָואס וֶוערְט מִיט אַ מָאהל אַ מְיוּחָס?—
אַ יוֹם־טוֹב־דִיגֶער זֶעקֶעל פַאר פֶּסַח אוּנ
אַ בַּעַל־תְּקִיעָה אוּם ראש הַשָּׁנָה

419 וָואס מֶע הָאט ווִילל מֶען נִיט אוּנ
וָואס מֶע ווִילל הָאט מֶען נִיט

420 וָואס מֶע הַאנְדֶעלְט אוּם־שַׁבָּת גֶעהט אִין
דֶער וָואךְ צוּרִיק

421 וָואס מֶעהר גֶעוַוארְט מֶעהר גֶענַארְט

422 וָואס מֶע גֶעהמְט נִיט אַלֵיין דָאס הָאט
מֶען נִיט

423 וָואס מֶע רייסְט נִיט אָב מִיט גֶעוַואלְד
דָאס הָאט מֶען נִיט

424 וָואס נֶאהעֶנְטֶער פוּן שׁוּל אַלְץ וַוייטֶער
פוּן גָאטט

425 וָואס עֶלְטֶער אִיז אַלְץ קֶעלְטֶער

426 וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט כָּל־יִשְׂרָאֵל וֶועט
זַיין מִיט רֶב יִשְׂרָאֵל

427 וָואס פַאר אַ גוּט מָארְגֶען אַזַא גוּט יָאהר,

428 וָואס פַאר אַ כְּלֵי־זֶמֶר אַזַא חֲתוּנָה

429 וָואס פַאר אַ קְהִלָּה אַזַא פַּרְנֵס

430 וָואס צוּ גָאטט אִיז צוּ גָאטט, אוּנ וָואס
צוּ לַייטֶען אִיז צוּ לַייטֶען

431 וָואס צוּ־פִיעל אִיז אוּנגֶעזוּנְד

432 וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם גוּטֶען בִּיער
אִין דֶעם שְׁלֶעכְטֶען פַאס?

433 וַוארְף דִי קַאטְץ וַוי דוּ ווִילְסְט בְּלַייבְּט זִי
שְׁטֶעהן אוֹיף דִי פִים

434 וִוי מֶע שְׁמִיעֶרְט אַזוֹי פָאהרְט מֶען

435 וִוי דִי שְׂרָרוֹת אַזוֹ אִיז דֶער מְשָׁרֵת

436 וִוי דֶער הַארר הַאלְט דֶעם הוּנְד, אַזוֹי
הַאלְט אִיהם דָאס גַאנְצֶע גֶעזִינְד

437 וַוייבֶּער הָאבֶּען לַאנְגֶע הָאר אוּנ קוּרְצֶען
שֵׂכֶל

438 וַוייבֶּער הָאבֶּען נַיין מָאס רֵייד

439 וַוייז אַ הוּנְד אַ פִינְגֶער, ווִילל עֶר דִי
גַאנְצֶע הַאנְד

440 וֵוייניגֶער עוֹלָם גְרֶעסֶער דִי שִׂמְחָה

441 וֵוייגֶען אוּנ לַאכֶען, אִיז בַּיי וַוייבֶּער רַייכְטֶע
זַאכֶען

442 ווִילְלְסְט הָאבֶּען אַ פָּנִים בַּיי לַייטֶען? הָאב
פְרִיהר בַּיי זִיךְ אַלֵיין

443 וִוי מֶע בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַזוֹי שְׁלָאפְט מֶען

444 וִוי מֶע נֶעהמְט זִיךְ פָאר, אַזוֹי הֶעלְפְט
גָאטט

445 וִוי־פִיעל קֶעפּ אַזוֹי פִיעל דֵעוֹת

446 וֶועגֶען שִׂנְאַת חִנָּם אִיז דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ
חָרוּב גֶעוָוארֶען

447 וֶועמֶען גָאטט ווִילל דֶער קְווִיקֶען, דֶעם
קָאנֶען מֶענְשֶׁען נִיט דֶער שְׁטִיקֶען

448 וֶועמֶען גָאטט לִיעבְּט דֶעם שְׁטְרָאפְט עֶר.

449 וֶוען אַ חֲזִיר וָואלְט הָאבֶּען הֶערְנֶער, וָואלְט
דִי וֶועלְט קֵיין קִיוּם גֶעהַאט

450 וֶוען אַיין אַלְטֶער מַאנן נֶעהמְט אַ יוּנְג
וַוייבּ וֶוערְט דֶער מַאנן יוּנְג אוּנ דָאס
וַוייבּ אַלְט

451 וֶוען אַללֶע מֶענְשֶׁען וָואלְטֶען גֶעוֶוען נְבִיאִים
וָואלְטֶען נִיט גֶעוֶוען קֵיין עֲנִיִים

452 וֶוען אַ נַארר וַוארְפְט אַ שְׁטֵיין אִין בְּרוּנֶען
(אָדֶער: אִין גָארְטֶען), קֶענֶען קֵיין צֶעהן
קְלוּגֶע נִישְׁט אַרוֹיס־נֶעהמֶען

453 װֶען אַ קִינְד זָאגְט אַ חָכְמָה, שִׁיקְט מֶען עֶס בַּאלְד אַװֶעק [1]

454 װֶען אַ קִינְד פַאלְט, שְׁטֶעלְט דֶער מַלְאָךְ דִי הֶענְד אוּנְטֶער

455 װֶען גָאטְט דֶער פְרַײט אִיז קַײן מָאהל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט

456 װֶען גָאטְט װִילל מַאכֶען צוּם נַארר, נֶעמְט עֶר צוּ בַּײם מֶענְשֶׁען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער דָאס װַײבּ

457 װֶען גָאטְט װִילל, שִׁיסְט אַ בֶּעזֶעם

458 װֶען גְלױבְּט אַ לִיטְװַאק? װֶען עֶר צֶעהלְט דְרַײ מָאהל אִיבֶּער

459 װֶען דָאס מַזָל גֶעהְט, קָאלְבְּט זִיךְ דֶער אָקְס

460 װֶען דָאס מַזָל װִילל נִיט, מַאכְט קָמַץ בֵּית „בַּא"

461 װֶען דֶער מַאנן אִיז אַ רָב אִיז דָאס װַײבּ אַ רֶבֶּצִין

462 װֶען דֶער קַצָב גֶעהט אַװֶעק שְׁפְּרִינְגְט דֶער הוּנְד אוֹיף דֶעם קְלָאטְץ

463 װֶען װֶעסְט דוּ װִיסֶען אַז אִיךְ בִּין דִיר אַ גוּטֶער פְרַײנְד? װֶען דוּ װֶעסְט מִיר נִיט פָּאלְגֶען

464 װֶען זִינְגְט אַ יוּד? װֶען עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג.

465 װֶען חָתָן כַּלָה זֶענֶען נַאשֶׁערְם, רֶעגֶענְט בַּײ זֵײ צוּ דֶער חוּפָּה

466 װֶענְט הָאבֶּען אוֹיעֶרֶען, דִי גַאסֶען הָאבֶּען אוֹיגֶען

467 װֶען מֶע הָאט נִיט צוּ פַארלִירֶען, מוּז מֶען אַללֶעם פְּרָאבִּירֶען

468 װֶען מֶע שֶׁערְט דִי שָׁאף צִיטֶערֶען דִי לֶאמְמֶער

469 װֶען נֶאהְט אַ שְׁנַײדֶער אוּמְזִיסְט? װָען עֶר מַאכְט נִיט קַײן קְנִיפֶּעל

470 װֶען עֶס אִיז נִיט װִי מֶע װִילל, מוּז מֶען װֶעלֶען װִי עֶס אִיז

471 װֶער עֶס בְּרױכְט אַ סַךְ דֶער קֶען פִיעל נִיט שְׁפָּארֶען

472 װֶען פְרַײעֶט זִיךְ אַ הױקֶער? װֶען עֶר זֶעהט דֶעם צְװַײטֶען הױקֶער

473 װֶען פְרַײעֶט זִיךְ גָאטְט? — װֶען אֵײן בֶּעטְלֶער קְרַאטְצְט דֶעם אַנְדֶערֶען

474 װֶען פְרַײעֶט זִיךְ דֶער אָרֶעמַאנן? װָען עֶר פַארלִירְט אוּנ גֶעפִינְט

475 װֶען פְרַײעֶן זִיךְ דִי חֵדֶר יוּנְגְלֶעךְ? װָען דֶער רֶבִּי זִיצְט שִׁבְעָה

476 װֶען קְלָאגְט דֶער אָרֶעמַאנן? װֶען עֶר הָאט צְװַײ חֲתוּנוֹת אִין אֵײן טָאג

477 װֶען שַׁדְכָנִים שְׁלָאגֶען זִיךְ, צוּ גֶעהט דֶער שִׁדוּךְ

478 װָער עֶס אִיז פוֹיל דֶער הָאט נִיט אִין מוֹיל

479 װֶער עֶס גְרָאבְּט אַ גְרוּבּ אוֹיף דֶעם צְװַײטֶען דָער פַאלְט אַלֵײן אַרַײן

480 װֶער עֶס גְרַײט נִיט אָן עֶרֶב שַׁבָּת, דֶער הָאט נִיט אוֹיף שַׁבָּת

481 װֶער עֶס הָאט אַ גֶעהַאנְגֶענֶעם אִין דֶער מִשְׁפָּחָה, פַאר דֶעם טָאר מֶען קַײן שְׁטְרִיק נִיט דֶער־מָאנֶען

482 װֶער עֶס הָאט אַלֵײן נִיט צוּ קַײֶען דֶער זָאל יֶענֶעם נִיט לַײֶען

483 װֶער עֶס הָאט גֶעגֶעבֶּען צֵײן, דֶער װֶעט גֶעבֶּען בְּרוֹיט

484 װֶער עֶס װַארְפְט דִיר מִיט שְׁטֵײנֶער װַארְף אִיהם מִיט בְּרוֹיט

485 װֶער עֶס װִילל אַללֶעם װִיסֶען, װֶערְט גִיךְ אַלְט,

486 װֶער עֶס װִילל בָּארְגֶען דָער זָאל קוּמֶען מָארְגֶען

487 װֶער עֶס טוֹיג נִיט פַאר זִיךְ טוֹיג נִיט פַאר יֶענֶעם

488 װֶער עֶס לֵײגְט זִיךְ הוּנְגֶערִיג שְׁלָאפֶען דֶעם חָלוֹמֶען זִיךְ בֶּעטְלֶער

---

1] װײל א קינד איז מעהר ניט װי א קינד אונ קען באלד נאך דער חכמה זאגען א נארישקייט. (הויז־פריינד)

489 װער עס פּאַרעט זיך מיט סמאַלע דער
מוז זיך די הענד אויס־שמירען

490 װער עס פאַר־שטעהט ניט אויף דעם
װינק, צו דעם נעמט מען אַ שטעקין

491 װער עס פיהלט זיך דער מיינט זיך

492 װער עס קאכט נאך דעם בוך און זעהט
נאך דעם לוח, דער האט דעם רוח

493 װער עס קאן קיין פולװער ניט שמעקען
דער זאל אין דער מלחמה ניט געהן

494 װער עס קומט פריהער, דער מאהלט
פריהער

495 װער עס שטעלט ניט איין, דער נעהמט
ניט אויס

496 װער עס שמייכעלט איז אַ פיינד, װער
עס שטראפט איז אַ פריינד

## ז.

497 זארגען און יאהר מאַכען גרוי די האר.

498 זיבען זיהן ברייגגען אַ שטוהל אין גן עדן,
זיבען טאכטער אַ שטוהל אין גיהנם.

499 זיי ניט צו־פיעל זיס, מע זאל דיך ניט
אויפ־עסען, זיי ניט צו פיעל ביטער, מע
זאל דיך ניט אויס־שפייען

500 זכות אבות איז קיין קאטאװעס [1]

## ח.

501 חברותה איז גוט מיט זיין אייגען װייב.

502 חוצפה גילט.

503 חן קאסט ניט מעהר װי אומ־חן

## ט.

504 טאטע מאמע מוזען פון קינדער ליידען.

505 טהו אַ הונד גוטס ביללט ער נאך

506 טייערע סחורה װאַקסט פון די ערד
אַרויס [2]

## י.

507 יחוס אויף דעם בית־הקברות — אין דער
היים צרות

508 יעדער איז פאַר זיין געלד אַ פּריץ

509 יעדער בעל דרשן הרשעט פאַר זיך

510 יעדער גאַנג איז װערט געלד

511 יעדער הונד איז אַבעל־בית אויף זיין
מיסט

512 יעדער װארטיל האט זיין ארטיל

513 יעדער יוד האט זיין פעקיל

514 יעדער מארגען ברייגגט זיינע זארגען

515 יעדער מענש איז אויף זיך בלינד

516 יעדער נארר האט שכל פאַר זיך

517 יעדער נארר מיינט אַז ער איז קלוג

518 יעדער סוחר לויבט זיין סחורה

519 יעדער פאַר זיך, גאַטט פאַר אַללע

520 יעדער קינד װערט געבוירען מיט זיין מזל.

521 יעדער שטאַדט־פיהרער האט פער־
שטאכענע הענד

522 יעדער שיינקער לויבט זיין ביער

523 יעדע שטאַדט האט איהר משוגענעם

524 ירושה און גנבן־געלד האבען קיין װערט,
[אדער: קיין מזל ניט]

---

1] װעגען דעם שפריכװארט זינגט דאס פאָלק דאס דאָזיגע ליעדעלע:

דאס װייב: אָ, מיין מאנן, זיי דו קיין נארר, לאָך
מיר מיין טאָכטעריל ניט אויס, זי איז
טאקע א יאטשערקע גרין און דאר,
זי קומט אבער פון שאָנע לייט ארויס.
איהר זיידע דער צדיק װעט זיך מיהען,
װעל איך מיט איהר נאך א גוטען
שדוך טהון,
זכות אבות איז קיין קאטאװעס!

דער מאנן: אָ, מיין װייב, דו ביזט זעהר גערעכט,
דיינע רייד זענען להבדיל א תורה,
דיין טאטע און מאמע האבען זיך אויך
ניט גערעכט,
צו־בעקומען א קונה אויף זייער
שטיקעל סחורה,
נאר דיין זיידע דער צדיק האט זיך געמיהט
האב איך מיר געביך אָב־געבריהעט,
זכות אבות איז קיין קאטאװעס!

2] אזוי דאכט זיך אז עס געפינט זיך גאר ניט די סחורה צו פאר־קויפען; װערט גאר טייער, װאקסען
ארויס סוחרים און ברייגגען פון אונטער דער ערד די טייערע סחורה צו פאר־קויפען.

## כ.

525 כָּבוֹד וואַלְגֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם מִיסְט וֶוער
עֶס ווילל נֶעמְט אוּמְזִיסְט

526 כֶּסֶף וְזָהָב מְטַהֵר מַמְזֵרִים

527 כַּעַס וְחֵמָה מַאכֶען דֶעם מֶענְשֶׁען פַאר
אַ בְּהֵמָה

## ל.

528 לַאנְג גֶעבָּארְגְט אִיז אַלְץ נִיט גֶעשֵׁיינְקְט.

529 לֵיידִיגֶע הֶאנְד מַאכֶען ־קאלֶיע דִי וֶואנְד

530 לֶעבֶּען אַ פֶעטֶען טָאפּ אִיז זִיךְ גוּט צוּ
רַייבֶּען

531 לֶעבֶּען אַ שְׁוֶוערֶען וָואגֶען אִיז גוּט צוּ פוּס
צוּ גֶעהן

532 לֶעבֶּען זָאל מֶען צְוִוישֶׁען גוֹיִם, שְׁטַארְבֶּען
צְוִוישֶׁען יוּדֶען

533 לֵייג אַ קְרַאנְקֶען וִוי דוּ ווִילְסְט, טְהוּט אִיהם
אַלְץ וַויי

## מ.

534 מִיט אַ יוּדֶען אִיז נָאר גוּט אִין שוּל צוּ
גֶעהְן

535 מִיט אֶמֶת קוּמְט מֶען פַאר גָאטט

536 מִיט אַ נַארר אִיז אַיין אֵייבִּיגֶער צַעַר

537 מִיט אַ קְלוּגֶען קֶען מֶען אַלֶעס אוֹיס־
פִיהְרֶען

538 מִיט דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת טְרַייבְּט מֶען נִיט
קֵיין קאטָאוֶועס

539 מִיט וָואס דֶער טָאפּ אִיז אָנגֶעבְּרֶענְט, דֶער־
מִיט שְׁמֶעקְט עֶר

540 מִיט וָואס מֶע הַאנְדֶעלְט, דָאס קְלֶעפְּט
זִיךְ אָן

541 מִיט וַויינֶען בַּאצָאהלְט מֶען נִיט קֵיין
חוֹבוֹת

542 מִיט וֶועלְכֶע מֶענְטְשֶׁען מֶע הָאט צוּ טְהוּן
אַזוֹי אִיז מֶען אַלֵיין

543 מִיט טְרַאכְטֶען וֶועסְט דוּ נָאר נִיט מַאכֶען.

544 מִיט פְרֶעמְדֶע הֶאנְד אִיז גוּט פַייעֶר צוּ
שַׁארֶען

545 מִיט צְוַויי רִיטֶער שְׁטְרָאפְּט [אָדֶער:
שְׁמַייסְט] מֶען נִיט

546 מִיט קָהָל אִיז זִיךְ שְׁלֶעכְט צוּ מִשְׁפָּטִין

547 מִיט שְׁוַוייגֶען פַארֶרְדְט מֶען זִיךְ נִיט.

548 מִיט שְׁרַייעֶן פִיהְרְט מֶען נִיט אוֹיס

549 מִיט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען נִיט פַאר־פַאלֶען.

550 מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גָאטְטֶס וואוּנְדֶער 1]

551 מֶע דַארְף עֶסֶען אָבֶּער נִיט פְרֶעסֶען.

552 מֶע דֶער־קָאנְט דֶעם פוֹיגֶעל נָאךְ דִי פֶעדֶערְן

553 מֶע דֶער קָאנְט נָאךְ דִי בַּאקֶען וִוי דִי
צֵיין קְנַאקֶען

554 מֶעהר גוֹי—מֶעהר מַזָל.

555 מֶעהר לִיכְט פַאר־בְּרֶענְט וִוי גֶעלְד פַאר־
דִינְט

556 מֶעהר סוֹחֲרִים—מֶעהר גְלִיק

557 מֶע זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיס־קוֹיפֶען פוּן דֶעם
טוֹידְט וָואלְטֶען דִי אָרֶעמֶע לַייט שׁוֹין
פַּרְנָסָה גֶעהַאט 1]

558 מֶע טָאר דָאס שְׁטְרִיקֶעל נִיט אִיבֶּער־
צִיהֶען

559 מֶע טָאר נִיט אוֹיס־זָאגֶען פוּן חֵדֶר

560 מֶע טָאר נִיט בֶּעטֶען אוֹיף אַ נַייעֶם מֶלֶךְ 3]

561 מֶע מוּז זִיךְ אַמָאהל מַאכֶען צוּם נַארר.

562 מֶע מוּז זִיךְ שְׁטְרֶעקִין נָאךְ דִי עֶקִין.

563 מֶע מוּז פַאר דֶעם רוּחַ־ם וֶוענֶען אוֹיךְ
זַאמְלֶען

564 מֶע מֵיינְט נִיט דִי הַגָּדָה נָאר דִי קְנֵיידְלִיךְ.

565 מֶע מֶעג זַיין שְׁוַוארְץ אַבִּי אַ גוּט הַארְץ.

566 מֶע נַארְט נִיט יֶענֶעם נָאר זִיךְ אַלֵיין.

567 מֶע קְנַייפְּט דִי בַּאקֶען דִי פַארְבּ זָאל
שְׁטֶעהן

568 מֶע קֶען דִי וָועלְט דָאס מוֹיל נִיט פַאר־
מַאכֶען

1] אזוי זאגט יעדע מוטטער. 2] עס וואלט דאן זיין ארענדיל א קאפיטעל תהלים. 3] אויף דעם פסוק „ויקם מלך חדש“ מאכט רש״י שנתחדשו גזרותיו.

569 מֶע שְׁפִּיעֶלְט דֶעם חָתָן וַויינֶענְדִיגְס אוּנ עֶר הָאט זַיינְס אִין זִינֶען־־

570 משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִיט דִי יוּדֶען אוֹיךְ נִיט גִיקֶענְט אוֹיס־קוּמֶען

## נ.

571 נָאךְ אַ שְׂרֵפָה וֶוערְט מֶען רַייךְ

572 נָאךְ יוֹם טוֹב בְּלַייבְּט חוֹבוֹת אוּנ קְוויטִינְגֶע וֶואשׁ ;

573 נוֹיט בְּרֶעכְט אַייזֶען , דַלוּת בְּרֶעכְט שְׁלֶעסֶער

574 נִיט אַזוֹי גִיךְ טְהוּט זִיךְ וִוי עֶס רֶעדְט זִיךְ .

575 נִיט דָאס הַארְץ וָואס לַאכְט אִיז פְרֶעהלִיךְ .

576 נִיט דָאס הִיטֶעל אִיז פַאר־דְרֶעהְט , נָאר דֶער קָאפּ

577 נִיט דָאס שֶׁאנֶע פָּנִים אִיז דֶער עִיקָר , נָאר דָאס שֶׁאנֶע הַארְץ

578 נִיט פִיעל גֶעטְרַאכְט , אַבִּי גוּט גֶעמַאכְט .

579 נִיט קַיין מְזוּמָנִים , נִיט קַיין שֶׁאן פָּנִים .

580 נֶעמְט גָאטט נָאר צוּ דָאס גֶעלְד , נֶעמְט עֶר דֶעם שֵׂכֶל אוֹיךְ צוּ

## ס.

581 סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה — אָבֶּער שְׁתִיקָה אַלֵיין אִיז קַיין חָכְמָה

## ע.

582 עֶהרְלִיךְ אִיז שְׁווֶערְלִיךְ

583 עֶלְטֶערֶען קֶענֶען אַלֶעס גֶעבֶּען נָאר נִיט קַיין מַזָל

584 עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק פוּן וְכַךְ הָיָה אוֹמֵר בִּיז וְכַךְ הָיָה מוֹנֶה [1]

585 עֶס אִיז אַ מִצְוָה פוּן אַ חָזִיר אַ הָאר אוֹיס צוּ־רַייסֶען [2]

586 עֶס אִיז בְּחִנָם וַואסֶער אִין בְּרוּנֶען אַרַיין צוּ גִיסֶען , אַז עֶס קוּמְט נִיט אַלֵיין צוּ פְלִיסֶען

587 עֶס אִיז נִיט דָא קַיין מַעֲלָה אָהן אַ חִסָרוֹן

588 עֶס וַוייסְט נִיט קֵיינֶער וֶועמֶעס מָארְגֶען אִיז .

589 עֶס זֶענֶען בַּיי גָאטט אַלֶע גְלַייךְ , אָרֶעם אוּנ רַייךְ

590 עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס וֶועט דֶער רוּחַ נִיט נֶעמֶען .

591 עֶרְגֶער וִוי שְׁלֶעכְט קֶען נִיט זַיין .

592 עֶר זוּכְט אַ פְּגִימָה אוֹיף דֶער זֶעג .

593 עֶר קוּמְט נָאךְ דֶער יְרוּשָׁה אוּנ מוּז בֶּע־צָאהלֶען קְבוּרָה גֶעלְד .

594 עֵשָׂו גִיט מַעֲשֵׂר פוּן שְׁטְרוֹי

## פ.

595 פַאר אַ גַנָב אִיז קַיין שְׁלָאס נִיט דָא .

596 פַאר אַ גֶעשְׁלָאגֶענֶעם הוּנְד טָאר מֶען קַיין שְׁטֶעקֶען נִיט וַוייזֶען

597 פַאר אַ גֵר טָאר מֶען קַיין גוֹי נִיט שֶׁעלְטֶען .

598 פַאר אַ הַיימֶעשֶׁען גַנָב קֶען מֶען זִיךְ נִיט אַיינ־הִיטֶען

599 פַאר אַ טוֹבָה קוּמְט אָפְּט־מָאהל אַ רָעָה .

600 פַאר אַיין אַלְטֶען שְׁלָעכְטֶען חוֹב נֶעמְט מֶען פְלֶעוֶוע אוֹיךְ

601 פַאר אַ מֶענְשֶׁען מוּז מֶען זִיךְ גִיכֶער פַאר־עֶנְטְוֶוערֶען , וִוי פַאר גָאטט

602 פַאר אַ נַארר אִיז קַיין סוֹד נִיט דָא

603 פַאר אַ נַארר טָאר מֶען קַיין הַאלְבֶּע אַרְבֵּייט נִיט וַוייזֶען

604 פַאר אָנְקוּקֶען צָאהלְט מֶען קַיין גֶעלְד .

605 פַאר אַ פֶּעקֶעל מַאכֶער אִיז אַ פִּינְסְטֶערֶע נַאכְט אַ לִיכְטִיגֶע וֶועלְט

606 פַאר אַ צַאפּ הָאט מֶ׳ן מוֹרָא פוּן פָארֶענְט , פַאר אַ פֶערְד פוּן הִינְטֶען , פַאר אַ נַארר פוּן אַלֶע זַייטֶען

607 פַאר אַ שִׁכּוֹר אִיז קַיין שְׁלֶעכְטֶער בְּרָאנְפֶען נִיט דָא

---

1] פון צו-זאָגען אויף דעם וואָרט ביז צו-צאהלען במזומנים . 2] מע זאָגט אויך : „פון א חזיר א האר איז אויך גוט" .

608 פַאר גֶעלְד קְרִיגְט מֶען אַלֶעס, נָאר טַאטֶע מַאמֶע נִיט

609 פַאר דֶעם אֶמֶת שְׁלָאגְט מֶען.

610 פַאר דֶעם טוֹיט ,קֶען מֶען זִיךְ נִיט בֶּעהַאלְטֶען

611 פַאר דֶער וֶועלְט מוּז מֶען מֶעהר יוֹצֵא זַיין וִוי פַאר גָאטט

612 פַאר מָארְגֶען זָאל גָאטט זָארְגֶען

613 פַאר נוֹיט טְהוּט מֶען אָן דֶעם שַׁבָּת אִין דֶער וָואכֶען

614 פַאר נוֹיט ,עֶסְט מֶען וַויים־בְּרוֹיט

615 פוּן אַ גַנָב אִיז שְׁוֶוער צוּ גַנְבֶ'נֶען.

616 פוּן אַ חַזִיר'שֶׁען ,עֶק ,קֶען מֶען ,קֵיין שְׁטְרַיימֶעל נִיט מַאכֶען

617 פוּן אַיילֶענֶעשׁ קוּמְט ,קֵיין גוּטְס נִיט אַרוֹיס

618 פוּן אַ נַארר הָאט מֶען צַעַר

619 פוּן אַ פְרֶעמְדֶער פֶעל אִיז גוּט פַאסֶעס צוּ שְׁנַיידֶען

620 פוּן דֶעם בֵּית עוֹלָם נֶעמְט מֶען נִיט צוּרִיק

621 פוּן דֶער חוּפָּה צוּ דֶער סְעוּדָה הַאלְט זִיךְ הַאלְט זִיךְ מִיט דֶער בִּידֶע

622 פוּן וואוּנְשֶׁען וֶוערְט מֶען נִיט רַייךְ,

623 פוּן יוּדִישֶׁע רֵייד ,קֶען מֶען זִיךְ נִיט אָבְ־וַואשֶׁען מִיט צֶעהן וַואסֶערֶען

624 פוּן לֵיידִיגֶע פֶעסֶער אִיז דֶער לְיַארֶעם גְרֶעסֶער

625 פוּן נֶעמֶען וֶוערְט מֶען נִיט בְּדַלוּת.

626 פוּן ,עַל חֵטְא וֶוערְט ,מֶען ,נִיט פָעט.

627 פוּן ,קִנְאָה קוּמְט שִׂנְאָה

628 פוּן תַּעֲנוּג לֶעבְּט מֶען נִיט, פוּן צָרוֹת שְׁטַארְבְּט מֶען נִיט

629 פוּרִים אִיז ,קֵיין יוֹם טוֹב, ,קַדָחוֹת ,קֵיין קְרֶענְק

630 פַייֶער אִיז אַ גַנָב

631 פִינְף טָאכְטֶער פַארגֶעהְט דָאס גֶעלֶעכְטֶער,

632 פְלִיה נִיט הויךְ, וָועסְט דוּ נִיט פַאלֶען נִידְרִיג

633 פֶּערִיל אוֹיף דֶעם הַאלְז—שְׁטֵיינֶער אוֹיף דֶעם הַארְצֶען

634 פַּרְנָסָה הִיטֶט אַלֶע מַכּוֹת

635 פְרֶעג נִיט דֶעם רוֹפֵא, פְרֶעג דֶעם חוֹלֶה.

636 פְרֶעמְדֶע ,קְלֵיידֶער וַוארֶעמֶען נִיט

## צ.

637 צְדָקָה זָאל ,קֵיין גֶעלְד קָאסְטֶען, גְמִלוּת חֲסָדִים זָאל ,קֵיין ,עגְמוּת נֶפֶשׁ נִיט מַאכֶען, וָואלְטֶען גֶעוֶועזֶען פִיעל צַדִיקִים.

638 צוּ אַ קִינְד אַ רוּט, צוּ אַ נַארר אַ שְׁטֶעקֶין,

639 צוּ בָּארְשְׁט דַארְף מֶען ,קֵיין צַיין

640 צוּ בְּרוֹיט גֶעפִינְט מֶען שׁוֹין אַ מֶעסֶער.

641 צוּ גוּט אִיז אוּמְגֶעזוּנְד.

642 צוּ דִי ,עֶשֶׂר מַכּוֹת נֶעמְט מֶען נִיט ,קֵיין חָתָן צוּ גַאסְט

643 צְוַויי הַארְטֶע שְׁטֵיינֶער מָאהְלֶען נִיט.

644 צְוַויי ,קֶעצְץ אִין אֵיין זַאק ,קֶענֶען ,קֵיין שָׁלוֹם הָאבֶען

645 צְוִוישֶׁען דֶער ,קִינְדְבֶּעטֶערִין אוּנ וַוארְטֶערִין וֶוערְט דָאס ,קִינְד דֶער שְׁטִיקְט

646 צְוִוישֶׁען טִיהר טָאר מֶען ,קֵיין פִינְגֶער אַרַיין לֶעגֶען

647 צוּם ,קַבְּצָן אַרוֹיס טְרַייבֶּען דַארְף מֶען אַיין עוֹשֶׁר

648 צוּם שְׁלִים־מַזָל מוּז מֶען אוֹיךְ מַזָל הָאבֶּען.

649 צוּ־פִיעל כָּבוֹד אִיז אַ הַאלְבֶּער שַׁאנְד

650 צוּ־שֶׁאן אִיז אַ מָאהל אַ חִסָרוֹן.

651 צוּ שְׁטַארְבֶּען הָאט מֶען אַלֶע מָאל צַייט.

## ק.

652 ,קֵיין גֶעבְּרָאטֶענֶע טוֹיבֶּען פְלִיהֶען נִיט אִין מוֹיל אַרַיין

653 ,קֵיין מִיעסֶע כַּלָה אִיז נִיט דָא.

654 ,קֵיין תְּשׁוּבָה אִיז אוֹיךְ אַ תְּשׁוּבָה

655 קְלֵיידֶער מַאכֶען לַייט

656 קְלֵיינֶע הֶיתֵּרִים בְּרֵיינְגֶען גְרוֹיסֶע יְסוּרִים.

657 קְלֵיינֶע ,עֲבֵרוֹת בְּרֵיינְגֶען גְרוֹיסֶע גְזֵרוֹת.

658 קְלֵיינֶע קִינְדֶער לָאזֶען נִיט שְׁלָאפֶען אוּנ
גְרוֹיסֶע לָאזֶען נִיט לֶעבֶּען

659 קְלֵיינֶע קִינְדֶער, קְלֵיינֶע זָארְג • גְרוֹיסֶע
קִינְדֶער, גְרוֹיסֶע זָארְג

660 קִינְדֶער אוּנ גְלֶעזֶער הָאט מֶען קַיין מָאהל
צוּ פִיעל

661 קֵיינֶער ווֵייסְט נִיט וֶועמֶען דֶער שִׁיךְ
קְוֶועטְשְׁט נָאר דֶער וָואס גֶעהט אִין אִיהם.

662 קֵיינֶער ווֵייסְט נִיט וֶועמֶעס מָארְגֶען עֶס
וֶועט זַיין

663 קֵיינֶער טְהוּט נִיט יֶענֶעם נָאר זִיךְ אַלֵיין.

664 קֵיינֶער שְׁרַייט נִיט ,,אוֹי וֵ״ אַז עֶס טְהוּט
נִיט וֵויי

## ר.

665 רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז אַ טַייֶעדֶער בִּיסֶען •

666 רִבּוֹנוּ שֶׁל עוֹלָם ! הֵייבּ מִיךְ נִיט אוּנ וַוארְף
מִיךְ נִיט

667 רוּף מִיךְ נַארר , נָאר גִיבּ מִיר לֶעקֶעךְ •

668 רֶעדֶען אִיז זִילְבֶּער , שְׁוַוייגֶען אִיז גָאלְד •

## שׁ.

669 שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער בֶּעסְטֶער זוֹם טוֹב •

670 שַׁבָּת הָאט דֶער רָשָׁע אִין גֵיהִנֹּם אוֹיךְ
רוּה •

671 שַׁבָּת-שְׁטֶעךְ הַאלְטֶען נִיט •

472 שְׁוַוייגֶען הֵייסְט גֶערֶעדְט

673 שְׁוֶוערֶען אִיז עֶהרְלִיךְ , הַאלְטֶען אִיז
שְׁוֶוערְלִיךְ •

674 שְׁטַארְבֶּען פַארזָאמְט מֶען נִיט •

675 שְׁטִיל וַואסֶער גְרָאבְּט טִיעף

676 שְׁטֶעה נִיט אוּנְטֶער דֶער וַואנְד, וֶועסְט דוּ
נִיט הֶערֶען דַיין אֵייגֶענֶע שַׁאנְד •

677 שְׁלִים-מַזָל וואו גֶעהסְט דוּ ? צוּם אָרֶעמַאנְן,

678 שְׁמַייס דָאס פֶערְד מִיט הָאבֶּער נִיט מִיט
אַ בַּייטְשׁ

679 שְׁפָּאר ! שְׁפָּאר ! קוּמְט דֶער רוּחַ אוּנ
נֶעמְט צוּ גָאר

630 שְׁפִּיעל זִיךְ נִיט מִיט פַייֶער

## ת.

681 תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה •

AKADÉMIA KÖNYV-TÁRA

Jüdische

# SPRICHWÖRTER

**Aus einem Manuscript des Herrn I. B.**

(SEPARAT-ABDRUCK AUS DEM

„HAUSFREUND"

HERAUSGEGEBEN VON M. SPEKTOR)

WARSCHAU

1888

יודישע

# שפריכווארטער

אויס איינעם מאנוסקריפט דעם הערן י. ב.

צווייטעס העפט

(סעפאראט–אבדרוק אויס דעם

„הויז–פריינד“

(צווייטעס בוך)

הערויסגעגעבען פאן מ. ספעקטאר)

## ווארשא

דרוק. אונד ליט. פאן בוימריטטער עם גאנשאר ביעליינסקע נומר 16

KAUFMANN
DÁVID
KÖNYVTÁRA
B. 1057.

יודישע

# שפּריכווארטער

אויס אײנעם מאנוסקריפּט דעם העררן י. ב.

צווייטעס העפט

(סעפּאראט–אבדרוק אויס דעם

„הויז-פריינד"

(צווייטעס בוך)

הערויסגעגעבען פאן מ. ספּעקטאר)

# ווארשא

דרוק. אונד ליט. פאן בוימריטטער עט גאנשאר ביעליינסקע נומר 16

ЮДИШЕ ШПРИХЪ-ВЕРТЕРЪ

т. е.

Еврейскія Народныя Пословицы

Изъ рукописи I. Б.

II выпускъ

ВАРШАВА

1889

ДОЗВОЛЕНО ЦЕНЗУРОЮ
Варшава 22 Декабря 1888 г.

ВАРШАВА
Въ Типо-Литографіи Баумриттера и Гонсіорѣ
Бѣлянская 16.

# יודישע שפּריכוואָרטער

אויס איינעם מאַנוסקריפּט דעם הערן י. ב.

**Jüdische Sprichwörter aus einem Manuscript des Herrn I. B.**

(פאָרזעצונג פון „הויזפריינד" ערשטעם בוך 1888)

הערויסגעגעבען פון מ. ספּעקטאָר

## א

682 אַ באָד איז ווי תשליך. 1)

683 אַ בייזע צונג איז ערגער ווי אַ שלעכטע האַנד.

684 אַ בייזע שוויגער טרייבט צום גט.

685 אַ בייזע שמועה איז וואָהר (פליהט ווייט).

686 אַ בייז שפּיעל קומט צוריק.

687 אַ באָקסער איז שוואַרץ, אָבער זיס ווי צוקער.

688 אָבגערעכענט איז האַלב בעצאָהלט.

689 אָבגעטהון איז אָבגעטהון.

690 אַ בדחן מאַכט די גאַנצע שטוב פרעהליך און אַליין האָט ער אין דער היים צרות (און אַליין ליעגט ער אין דער ערד).

691 אַ בחור טאָר קיין שדכן ניט זיין (און אַ הונד קיין קצב).

692 אַ בחור מאַכט קידוש איבער שפּענער.

693 אַבי אַ קלאָטץ — אַ הונד וועט מען שוין געפינען.

694 אַבי געזונד — דאָס לעבען קען מען זיך אַליין נעמען.

695 אַבי יאָהרען — צרות קומען אַליין.

696 אַ בייטיל אָהן געלד איז אַ שטיק לעדער.

697 אַ ביכעל געגערדט און פיעל געמיינט.

698 אַ בלינדער איז קראַנק אויף די אויגען, אַ שטומער איז קראַנק אויף דעם מויל, אַ נאַרר איז קראַנק אויף אַלע רמ"ח אברים.

699 אָבלעגען איז נאָר גוט קעז.

700 אַ בעהעלפער האָט אַ פאַראַווע קישקע. 2)

701 אַ בעל-בית איז שוין וואָס. 3)

702 אַ בעל-גאוה איז ערגער פון אַ בעל-תאוה.

703 אַ בעל-חוב איז אַ שולדיגער — און אַ שולדיגער איז אַ זינדיגער.

704 אַ ברוגזיער שלאָפט אַליין.

705 אַ גאַנצע שטאָדט שיקט מען קיין סיביר ניט אַוועק.

706 אַ גאַסט איז ווי אַ רעגען. 4)

---

1) ד. ה. אזוי ווי תשליך רייניגט די נשמה פון זינדע, אזוי רייניגט א באד דעם קערפער פון שמוץ. 2) ווייל ער עסט אין פיעלע הייזער קאן ער ניט אזוי שטרענג אבהיטען מילכדינס און פליישיגס. 3) ד. ה. ער האט שוין עטוואס צו בעדייטען. 4) ד. ה. אנפאנגס איז מען איהם זעהר גערן, אבער שפעטער איז ער צו פיעל.



M. T. AKADÉMIA KÖNYV-TÁRA

707 אַ גַבַּאי דֶערלַאנְגְט קֵיינְמָאל נִיט צוּ נְבָאוֹת.
708 אַ גוּטֶען פְרַיינְד בֶּעקוּמְט מֶען אוּמְזִיסְט — אַ שׂוֹנֵא מוּז מֶען זִיךְ קוֹיפִין.
709 אַ גוּטֶען שְׁוֶועהר אִיז שְׁוֶוער צוּ הָאבֶּען. אַ שְׁלֶעכְטֶען שְׁוֶועהְר אִיז שְׁוֶוער צוּ בֶּעגְרָאבֶּען.
710 אַ גוּטֶער בַּעל־בַּיִת שְׁטֶעקְט אוּמֶעטוּם הֶערַיין דִי נָאז.
711 אַ גוּטֶער גֶעהֶערְט אוֹיף דֶעם גוּטֶען אָרְט.
712 אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז גוּט אוֹיף דֶער אוּנ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.
713 אַ גוּטֶער טוֹיט אִיז בֶּעסֶער וִויא אַ שְׁלֶעכְט לֶעבֶּען.
714 אַ גוּטֶער יוּד בְּרוֹיכְט קַיין בְּרִיעף, אַ שְׁלֶעכְטֶען יוּדֶען הֶעלְפְט קַיין בְּרִיעף.
715 אַ גוּטֶער יוּד הָאט לִיעב צוּ נֶעהְמֶען אָבֶּער נִיט צוּ גֶעבֶּען.
716 אַ גוּטֶער יוּד קוּמְט גוּט אוֹיס זַיין וֶועלְט.
117 אַ גוּטֶער נַארר אִיז אַ כְּשֵׁרָה בְּהֵמָה.
718 אַ גוּטְטֶער עֶסְסֶער אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער פַּאסְטֶער.
719 אַ גוּטֶער פְרַיינְד אִיז מֶען נָאר בִּיז צוּ דֶער קֶעשֶׁענֶע.
720 אַ גוּטֶער רָב מוּז קֶענֶען דֶעם פִּינְפְטֶען שׁוּלְחָן־עָרוּךְ אוֹיךְ. 1)
721 אַ גוּטֶער שְׁלִיטְוֶועג אִיז אַ גוּטֶער וָואגֶענְוֶועג, אַ גוּטֶע טָאכְטֶער אִיז אַ גוּטֶע שְׁנוּר, אַ שֶׁאן מֵיידֶעל אִיז אַ שָׁאן וַוייבֶּעל. אוּנ אַ שֶׁאנֶע יוּדֶענֶע אִיז אַ שֶׁאן מֵת.
722 אַ גוֹי אִיז קְלֵיינֶער־הַייט קְלֵיין אוּנ גְרוֹיסֶער־הַייט גְרוֹיס, אוּנ אַ יוּד — פַּארְקֶעהְרְט.
723 אַ גוֹיִשׁ גְלַייךְ־וַוארְטֶעל אִיז לְהַבְדִיל אַ תּוֹרָה.
724 אַ גִילְדֶען גָאנְגֶעלֶע צִיעהְט אַיין אַייזֶערְן וָואגֶעלֶע.
725 אַ גְמִילַת־חֶסֶד אִיז בַּיי גָאטט טַהייעֶרער וִוי אַ נְדָבָה.
726 אַ גַנָב מוּז זַיין אַ חָכָם.
727 אַ גְנֵיבָה הָאט קַיין הַצְלָחָה נִיט.
728 אַ גֶעשְׁוָואלְלֶענֶער מֶעג אַללֶעס עֶסְסֶען.
729 אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִיז אוֹיף אַ קְלֵיינֶע ווייֶלע.
730 אָדָם אַמֶענְטְשׁ —קַאטְשְׁקֶע דְרֶעה דִיךְ. (...רִיק זִיךְ.
731 אָדָם יְסוֹדוֹ מֵעָפָר וְסוֹפוֹ לֶעָפָר — בֵּינוּ לְבֵינוּ אִיז גוּט אַ טְרוּנְק בְּרָאנְפִין.
732 אָדָם קָרוֹב לַאפּ־צַאפּ. 2)
733 אָדֶער גָאר אָדֶער גָאר נִיט.
734 אָדֶער טְרֶעף אָדֶער פֶעהְל.
735 אָדֶער מִיט גוּטֶען אָדֶער מִיט בֵּייזֶען.
736 אָדֶער עֶס הֶעלְפְט נִיט אָדֶער מֶען דַארְף נִיט.
737 אַ הוּנְד גֶעהְט מֶען אוֹיס דֶעם וֶועג.
738 אַ הוּנְד טָאר קַיין דַיין נִיט זַיין.
739 אַ הוּנְד פוּן אַ יָאהְר בִּילְלט נִיט.
740 אַ הוּנְד שִׁיקְט אַ הוּנְד — אַ רָב שִׁיקְט אַ רָב.
741 אַ הוּנְד שִׁיקְט מֶען נִיט אִין יַאטְקֶע הֶערַיין.
742 אַ הוּהְן וָואס קְרֶעהְט, אַ גוֹי וָואס יוּדִישׁ

1) ד. ה. הלכות רבנות. 2) פאראדיע פון אדם קרוב לעצמו.

רֶעדְט אוּנ אַ יוּדֶענֶע וָואס לֶערֶנְט
תּוֹרָה אִיז נִיט קֵיין גוּטֶע סְחוֹרָה.

743 אַ הִיהָן אִיז גוּט צוּ עֶסֶען זֶעלְבַּאנְד: אִיךְ אוּנ דִי הִיהָן.

744 אָהְן אֵיין פוֹיֶער אִיז אוֹיךְ אַ יַארִיד.

745 אָהְן גֶעלְד אִיז קֵיין וֶועלְט.

746 אָהְן הוֹצָאָה אִיז קֵיין הַכְנָסָה.

747 אַ הֶערִינְג אִיז גֶענוּג פַאר צֶעהְן פֶּערְשׁוֹין — אַ הוּהְן נָאר פַאר צְוֵויי.

748 אַ וָואגֶען אִיז אַ זֵייגֶער — אַ שְׁלִיטְטֶען אִיז אַ פֶּגֶר.

749 אַ וָואגֶען מִיט „הֶעטְט־אִיךְ" צָאהְלְט קֵיין מֶכֶס.

750 אַ וָואלְף פֶּערְלִיעְרְט זַיינֶע הָאר אָבֶּער נִיט זַיינֶע נַאטוּר.

751 אַ וָוארְט אוּנ אַ וָוארְט — אוּנ אַ פַּאטְשׁ אוֹיף דֶעם אָרְט.

752 אַ וָוארְט אִיז אַזוֹי גוּט וִוי אַ חֲתִימַת־יָד.

753 אַ וָוארְט אִיז נָאר אַ וָוארְט אוּנ אַ חֲתִימָה אִיז טַאקֶע אַ חֲתִימָה.

754 אַ וַוייבּ אִיז וִוי אַ הוּנְד אִין שְׁטוּבּ. 1)

755 אַ וֶועהְטֶעג אִיז עֶס אוּנ לַיידֶען מוּז מֶען.

756 אוֹיבּ אַזוֹי — אִיז מִיטְוָואךְ דֶער בְּרִית!

757 אוֹיךְ מִיר אַ קוּנְץ צוּ זַיין אַ בֶּעקֶער! מֶען נֶעמְט אַ טֵייגֶעל אוּנ מֶען מַאכְט אַ בֵּייגֶעל.

758 אוֹי מַיין לִיבֶּער פָּאטֶער, וִוי וֶוערְט מֶען דִיךְ שׁוֹין פָּטוּר!

759 אוֹיס אַ בָּחוּר אוּנ אוֹיס אַ הֶעכְט מַאכְט מֶען אַלֶערְלֵיי גֶערִיכְט.

760 אוֹיסְגֶעוַואנְדֶערְט אַלֶלֶע לֶענְדֶער אוּנ אִיז אַ הֵיים גֶעקוּמֶען אָהְן הֶעמְדֶער.

761 אוֹיסְגֶעוַואשֶׁען דִי שִׁיסְסֶעל — אוּנ וַוייטֶער בָּארְשְׁט.

762 אוֹיס דִי אוֹיגֶען — אוֹיס דֶעם הַארְץ. 2)

763 אוֹיס כַּלָּה וִויעדֶער אַ מוֹיד. 3)

764 אוֹיס קִינְדֶער וֶוערֶען לַייט (אוּנ אוֹיס לַייט וֶוערֶען דְרַאבֶּעם).

765 אוֹיף אֵיין אוֹיג נָאר אִיז דִי קוּה בְּלִינְד. 4)

766 אוֹיף אֵיין שְׁלַאג פַאלְט קֵיין בּוֹים נִיט אוּם.

767 אוֹיף אַלֶע כַּלּוֹת רוּהְט דִי שְׁכִינָה.

768 אוֹיף אַ לֶעבֶּעדִיגֶען קָאן מֶען זִיךְ דֶערְוַוארְטֶען.

769 אוֹיף אַ מִצְוָה זֶענֶען דָא אַ סַךְ בַּעֲלָנִים.

770 אוֹיף אַ קוּפֶּע מִיסְט גֶעפִינְט מֶען אוֹיךְ אַ מָאהְל אַ פִינְגֶערִיל.

771 אוֹיף אַ קַשְׁיָא אִיז אַ תִּירוּץ.

772 אוֹיף אַ שְׁלַאנְג טָאר מֶען קֵיין רַחֲמָנוּת נִיט הָאבֶּען. 5)

773 אוֹיף אַ שְׁלֶעכְטֶען פָּרִיץ טָאר מֶען קֵיין מַפָּלָה נִיט בֶּעטֶען. 6)

774 אוֹיף דֶעם גוּטֶען־אָרְט זָאגְט מֶען אִיטְלִיכֶען נָאךְ אַ גוּט וָוארְט.

775 אוֹיף דֶער מַלְכָּה גְרִין נֶעהְמְט מֶען אוֹיךְ אַ מָאל אוֹיס אַ גְרוֹיסֶען קָאן.

776 אוֹיף דֶער מַצֵּבָה זֶענֶען אַלֶּע יוּדֶען שֶׁאן.

---

1) ד. ה. געטריי אונ אנהעענגליך. 2) ד. ה. ווענן מען זע"ט איינעם ניט פערגעסט מען איהם. 3) ווען א געשעפט געהט צוריק. 4) אז מען וויל איינעם צו רעדען צו א שלעכטער סחורה אונ מען רעדט איין אז דער חסרון איז א קלייניקייט. 5) דאס בעציהט זיך אויף די מעשה מיט דעם בויער וואס האט אמאהל ווינטער געפינען אויף דעם וועג איינע ערפרארענע שלאנג, פאר רחמנות האט ער זי אויפגעהויבען אונ אריינגעלעגט צו זיך אין בוזען, זי צו ערווארמען, קוים אבער האט זי אויפגעלעבט, האט זי איהם אריינגעלאזען דאס גיפט גלייך אונ הערץ אריין אונ איהן געטעדטעט, מען בענוצט דאס ביישפיעל אויף א שלעכטען מענשען. 6) ווייל מען ווייסט ניט ווי דער נייער וועט זיין.

777 אויף דְרַייא זַאכֶען שְׁטֶעהְט דִי וֶועלְט: אויף גֶעלְד. אויף גֶעלְד און אויף גֶעלְד.

778 אויף „וָואלְט אִיךְ" און „זָאלְט אִיךְ" בָּארְגְט מֶען „קיין גֶעלְד.

779 אויף וָואס פַאר אַ פוּהְר מֶען זִיטְצְט, אַזַא נִיגוּן זִינְגְט מֶען.

780 אויף מַצוֹת און תַּכְרִיכִים מוּז זַיין.

781 אויף מֵתִים טָאר מֶען זִיךְ נִיט פַארְלָאזֶען.

782 אויף נִיט גֶעהֶען און אויף נִיט פָאהְרֶען הָאט מֶען „קיינֶע חֲרָטָה נִיט.

783 אויף פְרֶעמְדֶע אִינְדִיקִים אִיז גוּט צוּ פַייפֶען [1]

784 אויף רֶעגֶען און אויף דֶעם טוֹיט הָאט מֶען נִיט וָואס צוּ בֶּעטֶען. (בֵּיידֶע קוּמֶען אַלֵיין).

785 אויף שְׁוַוארְצֶער עֶרְד וַואקְסְט דִי בֶּעסְטֶע תְּבוּאָה.

786 אוּמְזִיסְט זֶעצְט זִיךְ אֲפִילוּ „קיין מַכָּה נִיט.

787 אוּמְזִיסְט טְרִינְקְט מֶען נָאר וַואסְסֶער.

788 אוּמְזִיסְט „קֶען נָאר דִיא „קִישְׁקֶע הֶערוֹיסְקְרִיכֶען.

789 אוּמֶעדוּם אִיז גוּט הִילְף נָאר נִיט אִין דֶער שִׁיסְסֶעל.

790 אום שְׁטֵיינֶס גֶעזָאגְט אַ סוֹחֵר! נִיט „קיין קוֹנֶה נִיט „קיין מוֹכֵר.

791 אוּנְטֶען און אויבֶּען אִיז אֵיין גְלוֹיבֶּען.

792 אַ זָאהְן וִוי עֶר גֶעָראטְה — אֵיין אֵיידֶעם וִוי מֶען וִויל. [2]

793 אַ זָאהְן; נָאךְ דֶעם טוֹיט — אַ טָאכְטֶער — בַּיים לֶעבֶּען. [3]

794 אַז אִיטְלִיכֶער קֶעהְרְט פַאר זַיין טְהִיר, אִיז דִי גַאנְצֶע גַאסס „ריין.

795 אַז אֵיין אָרֶעמְמַאנְן זֶעהְט אַ גְרָאשֶׁען שְׁפְּרִינְגְט „ער פוּן דֶער הוֹיט הֶערוֹיס.

796 אַז אֵיין וַוייבֶּעל שְׁטַארְבְּט אִין קִימְפֶּעט (קִינְדְבֶּעטט) שְׁיֵיט זִיךְ דָאס אַנְדֶערֶע וַוייבֶּעל אִין מִקְוֶה הֶערַאן צוּ גֶעהֶען.

797 אַז אַ לָאהֶמֶער לוֹיפְט און אַ נַאר קוֹיפְט קוּמֶען בֵּיידֶע גְלַייךְ אָן.

798 אַז אַ „קִינְד חַאפְּט אִיז „עס אַ חָכְמָה, אַז אַ גְרוֹיסֶער חַאפְּט גִיבְּט מֶען אִיהְם אִיבֶּער דִי הֶאנְד.

799 אַז אַ „קִינְד פֶערְלִיעְרְט יוּנְגֶערְהֵייט דִי מוּטֶער, אִיז אִיהְם נֶעבִּיךְ זֶעהְר בִּיטְטֶער.

800 אַז אַ „קֶעכִין שְׁטַארְבְּט בֶּעגְרָאבְּט „מען זִי אוּנְטֶערְן קוֹימִין.

801 אַז אַ שֶׁאנֶע הוּהְן גֶעהְט הֶערוּם אִין שְׁטוּב, אִיז אוֹיךְ שֶׁאן.

802 אַז אַ שְׁלִים־מֶעזַאלְנִיצֶע „קֶעהְרְט אוֹיס דִי שְׁטוּב. לָאסְט זִי לִיֶעגֶען דָאס מִיסְט בַּיי דֶער טְהִיר.

803 אַז „בַּעֲגָלָא" אִיז אַ וָואגֶען אִיז „בִּזְמַן „קָרִיב" אַ שְׁלִיטְטֶען. [4]

1) מען זאגט, דאס אינדיקעס קענגען ניט לײדען דאס פײפען און לויפען א וועק; דער פאר אײגענע אינדיקעס היט מען אבער אויף פרעמדע, שאדט ניט וואס לויפען אוועק. 2) א זאהן קאן מען זיך ניט אויפזוכען מיט אללע מעלות, אבער איין אײדעם יא. 3) דער זאהן זאגט קדיש נאך די עלטערן — ביים לעבען איז א טאכטער געטרייער. (זיעהע איין אנדערעס ש. וו. א טאכטער אין דער גויטה...) 4) דער עם־הארץ פערוועקסעלט אין דעם קדיש בעגלא מיט בעגלה.

804 אַז גָאטְט ווִיל אֵיינֶעם שְׁטְרָאפֶען גֶעהֶמְט עֶר אִיהְם דֶעם שֵׂכֶל אַוֶועק .

805 אַז גָאטְט לָאזְט לֶעבֶען מוּז עֶר בּאצוּ מָעות גֶעבֶען .

806 אַז דָאס ווַייבּ אִיז אַ זֵייגֶערִין אִיז דֶער מַאנְן אַ זֵייגֶער .

807 אַז דָאס ווַייבּ אִיז אַ קִימְפֶּעטוֹרֶען אִיז דֶער מַאנְן אַ קִימְפֶּעטוּר .

808 אַז דָאס ווַייבּ גֶעהְט אִין סְפָּאדֶעק , גֶעהְט דֶער מַאנְן אִין פַּאנְטָאפֶעל .

809 אַז דָאס ווַייבֶּעל דַארְף שׁוֹין צוּ הָאבֶּען , שִׁיקְט מֶען עֶרְשְׁט נָאךְ דֶער בָּאבֶּען 1) .

810 אַז דָאס לֶעבֶּען אִיז זִיסְם , אִיז דִיא ווֶועלְט הֶפְקֵר .

811 אַז דָאס מַזָל אִיז קְלֵיין , חָאטְשׁ זֶעטְץ דִיךְ אִין ווַיין .

812 אַז דָאס קִינְד אִיז טוֹיט . הֶערְט דָאס גֶעפַאטֶערְשַׁאפְט (קְווַאטֶערְשַׁאפְט) אוֹיף .

813 אַז דָאס קִינְד שְׁווַייגְט , שְׁטוֹיסְט זִיךְ נִיט דִי מוּטֶער אַז עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג .

814 אַז דוּ ווִילְלְסְט דִיךְ שׁוֹין הֶענְגֶען , הֶענְג דִיךְ אוֹיף אַ גְרוֹיסֶען בּוֹים .

815 אַז דוּ זָארְגְסְט נִיט פַאר דִיר , ווֶער־זְשֶׁע דֶענְן ווֶעט פַאר דִיר זָארְגֶען ? 2)

816 אַז דִי בָּארְד בְּרֶענְט , אִיז הֵיים אִין מוֹיל .

817 אַז דִי בַּעַל־בַּיתְ׳טֶע אִיז אַ קַאטְץ , אִיז דִי קַאטְץ אַ בַּעַל־בַּית׳טֶע .

818 אַז דִי בַּעַל־בַּיתְ׳טֶע אִיז אַ שְׁלִים־מַזַל׳נִיצֶע אִיז דִי קַאטְץ אַ בְּרִיָה .

819 אַז דִי כַּלָה שֶׁאמְט זִיךְ , מוּסְסֶען דִי אוּנְטֶערְפִיהְרֶער אַוֶועקְגֶעהֶען .

820 אַז דִי נַאסְסֶע בֵּיימֶער בְּרֶענְנֶען , וָואס זָאלְלֶען שׁוֹין דִי טְרָאקֶענֶע זָאגֶען ? .

821 אַז דִי קַאטְץ גֶעהְט אַוֶועק , הָאבֶּען דִי מַייז מְחָיֶה .

822 אַז דִי קוּה עֶסְט קְלֵייֶען , שָׁאקֶעלְט זִיךְ דֶער בּוֹידֶעם 3) .

823 אַז דִי שִׂמְחָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן שְׁפֶּעטֶער , דוֹיֶערְט זִי לֶאנְגֶער .

824 אַז דֶער בָּאק אִיז דֶער טַאטֶע אוּנ דִי צִיעֶג אִיז דִי מַאמֶע , וָואס־זְשֶׁע קָאסְט צִיעגֶענְפְּלֵייש ?

825 אַז דֶער בֵּייטֶעל אִיז פוּלְל , אִיז דֶער מָאגֶען רוּהִיג אוּנ שְׁטִילְל .

826 אַז דֶער חַזָן הָאט ווֶענִיג שְׂבִירוּת , דֶערְלֶעגְט מֶען אִיהְם אַפָּאאָר זִינְגֶערְס .

827 אַז דֶער טַאטֶע נֶעהְמְט (שְׁלָאגְט) דִי מַאמֶען גֶעהֶען , דִי קִינְדֶער טַאנְצֶען . 4)

828 אַז דֶער טַאטֶע נֶעהְמְט דִי מַאמֶע ווֶערְט עֶר אַ פֶּעטֶער .

829 אַז דֶער מָאגֶען אִיז לֶעעֶר אִיז דֶער שְׁלָאף שְׁוֶוער .

830 אַז דֶער מַאנְן אִיז אַנַארְר אִיז דָאס ווַייבּ אִין שְׁטוּבּ דֶער הַארְר .

831 אַז דֶער סוֹף אִיז גוּט אִיז אַלְלֶעס גוּט .

832 אַז דֶער פְּרָאסְט נֶעמְט שְׁטַארְק , בְּרִיכְט עֶר כָּאלְד דֶעם קַארְק .

833 אַז דֶער קְלָאגֶער (ווַיינֶער) הָאט נִיט , הָאט דֶער בֶּערִיהְמֶער גֶעווִיס נִיט .

1) צו קינד געהען — האבען. 2) עס ליענט דארין דערזעלבע זינן וואס אין פרקי אבות „אם אין אני לי—מי לי ?" 3) עס איז געמיינט , דאס עס זענען פאראן קליינע מענשליך וואס אז זיי האבען נאר עפּ׳ס חיוה, ווילען זיי די וועלט זאלל מיט זיי אויף זיין . 4) אויס איינעם קינדערליעד .

834 אז דער קלוגער בענארישט זיך, בלייבט ער אויך א נאר.
835 אז דער קראמער בערעכנט ניט די קראם, בערעכענט די קראם דעם קראמער.
836 אז דער רב טהוט א שידוך מיט דעם באדער, האלט זיך דער באדער פאר א רב.
837 אז דער שבת קודש געהט אהין, קומט די ליעבע וואך אהער. [1]
838 אזוי ווי די צייטען, אזוי זענען די לייטען. [2]
839 אזוי ווי עס איז ניט דא קיין בעזעם אהן ריטהער, אזוי איז ניט דא קיין גוטע שטיעף־מוטער.
840 אזוי לאנג האנדעלט מען ביז מען האנדעלט זיך אויס.
841 אזוי לאנג מען לעבט, טאר מען ניט רעדען; אז מען שטארבט, קען מען ניט רעדען.
842 אז „ויקהל“ איז א קניש, איז „פקודי“ א ווארעניק. [3]
843 אז מאנן אונ ווייב שלאגין זיך בייסען זיך די קינדער א קריעה.
844 אז מען באקט ברויט (אין אויווען) איז דיא גאנצע שטוב זאטט.
845 אז מען בארגט איינעם געלד, קויפט מען זיך א שונא.
846 אז מען בלאזט ווערט קאלט. [4]
847 אז מען בענטשט „טל“ לאזט מען הערויס די פערד פון דעם שטאל.
848 אז מען בעצאהלט ניט דעם שניידער שלעפט ער דיא פארסטרוגע ניט הערויס.
849 אז מען בעקומט גיך, פערליערט מען גיך.
850 אז מען בעקומט געלד טראסקעט מען מיט דער לאנגער בייטש.
851 אז מען גיט דעם טייבעל א האר ווילל ער גאר.
852 אז מען גיט ניט יעקב'ן גיט מען עשו'ן.
853 אז מען גיט נעם — אז מען נעמט שריי גוואלד.
854 אז מען גיט נעמט מען — אז מען שלאגט לויפט מען.
855 אז מען גיט קרענק, האט מען קרענק.
856 אז מען גנב'עט איין איי, האט מען זיעבען יאהר דלות.
857 אז מען געהט צו סליחות, בלייבין אין דער היים דיא רוחות.
858 אז מען געהט צווישען לייט, ווייסט מען וואס עס טהוט זיך ביא זיך אין דער היים.
859 אז מען דארף האבען פייער, זוכט מען עס אין אש.
860 אז מען דערמאנט זיך אן דעם טויט איז מען מיט דעם לעבען ניט זיכער.
861 אז מען האט א הונד אונ א טעפפער

1) ד. ה. קיים איז דער ש"ק צו ענדע. קומט שוין דיא וואך מיט איהרע זארגען — דאס שפריכווארט איז פון א ווייבערשען נעבעט: „גאטט פון אברהם“. 2) דער מענטש ריכטעט זיך נאך די צייטען, זענען די צייטען בעססער, איז ער אויך בעססער צום צדקה געבען א. ז. וו. 3) דער תרגום מאכט אויף ויקהל „ואכנייש“ וואס דער עם-הארץ לייענט עס פאר „א קניש“. 4) ד. ה. אז עס קומט ר"ח אלול אונ מען הייבט אן צו בלאזען שופר ווערט שוין קאלט אונ דער אסיען איז ניט ווייט. 5) ד. ה. ניכטס.

אין שְׁטָאָדט דארף מען קיין רב נִיט. [1]

862 אַז מֶען הָאט אויף פּוּרִים יִסוּרִים, אִיז אויף פֶּסַח חֹשֶׁךְ.

863 אַז מֶען הָאט אַ טַאטֶען אַ הוּנְד, מֶעג מֶען אִיהְם אויף זָאגֶען "וָואן"!

864 אַז מֶען הָאט אַיין אֵייגֶענֶע דִירָה אוּנ אַ קוּה, הָאט מֶען פַּרְנָסָה אָהְן מִיה.

865 אַז מֶען הָאט אַ סַךְ צוּ טְהוּן, גֶעהְט מֶען פוּן אַלֶעע מְלָאכוֹת אִין בָּאד הֶערַיין.

866 אַז מֶען הָאט אַ קִינְד אִין וִויקֶעל, זָאל מֶען אַ וֶועקְלֶעגֶען אַ צְוִוייקֶעל. [2]

867 אַז מֶען הָאט אַ קְרָאם, אִיז מֶען וִוי לָאהְם. [3]

868 אַז מֶען הָאט דִיא מַטְבֵּעָה הָאט מֶען דִי דֵעָה.

869 אַז מֶען הָאט הֶענְגֶען אַ נַיי קְלֵייד אויף דֶער שְׁטַאנְג, טְהוּט דָאס אַלְטֶע נִיט בַּאנְג.

870 אַז מֶען הָאט לִיעֶב דָאס וַוייבּ, הָאט מֶען לִיעֶב אִיהְר מִשְׁפָּחָה.

871 אַז מֶען הָאט מָעוֹת, אִיז מֶען אַ בַּעַל־בַּיִת.

872 אַז מֶען הָאט נִיט וָואס צוּ טְהוּן, אִיז אויך אַיין אַרְבֵּייט.

873 אַז מֶען הָאט נִיט פְּרַייטָאג שְׁפֶּעט, הָאט מֶען נִיט זָאנְטָאג פְּרִיה.

874 אַז מֶען הָאט נִיט קיין אֶתְרוֹג, דַארְף מֶען קיין פִּישְׁקֶע נִיט הָאבֶּען.

875 אַז מֶען הָאט נִיט קיין בּוּשָׁה פַאר לַייט, הָאט מֶען קיינֶע מוֹרָא פַאר גָאטט.

876 אַז מֶען הָאט נִיט קיין בְּרוֹיט, אִיז עֶרְגֶער וִוי דֶער טוֹיט.

877 אַז מֶען הָאט נִיט קיין בְּרֵירָה, מוּז מֶען אֲפִילוּ טְהוּן אַיין עֲבֵרָה.

878 אַז מֶען הָאט נִיט קיין סוּס, מוּז מֶען גֶעהְן צוּ פוּס.

879 אַז מֶען הָאט סְחוֹרָה, הָאט מֶען קיינֶע מוֹרָא.

880 אַז מֶען הָאט פַאר אִיבֶּעל, טְהוּט וֶועה דֶער בּויךְ.

881 אַז מֶען הָאט פְרִיהֶער הֶערוֹיסְגֶעגַנְבֶ'עט דִי קוּה, מַאכְט מֶען דֶער נָאךְ דִי שְׁטַאלל צוּ.

882 אַז מֶען הָאט קיינֶע הַאנְד, קָאן מֶען קיינֶע פוֹיסְט (קִילֶעק, Кулакъ) נִיט מַאכֶען. [4]

883 אַז מֶען הָאט קִינְדֶער אִין דִי וִויגֶען טָאר מֶען זִיךְ מִיט דֶער וֶועלְט נִיט קְרִיגֶען.

884 אַז מֶען הָאלְט זִיךְ צוּ נִידְרִיג, טְרֶעט יֶענֶער אויף דֶעם קָאפּ.

885 אַז מֶען הַאנְדֶעלְט מִיט אַ נָאדֶעל, פֶערְדִיענְט מֶען אַ נָאדֶעל. [5]

886 אַז מֶען הַאנְדֶעלְט מִיט טַאבַּאק הָאט מֶען אַ שְׁמֶעק; אַז מֶען הַאנְדֶעלְט מִיט הָאנִיג הָאט מֶען אַ לֶעק. [6]

887 אַז מֶען הוּלְיֶעט צוּ פִיל אִין דֶער יוּגֶענְד בֶּעטְטֶעלְט מֶען אויף דֶער עֶלְטֶער.

888 אַז מֶען הִיט אָב פְּרֶעמְדֶם, קוּמְט (פֶערְמָאגְט) מֶען צוּ אֵייגֶענֶם.

---

[1] דער הונד עסט אויף דאס טריפה עוף אונ דער טעפפער מאכט א גייעם טאפ — א שאלה פרעגען ביים רב איז שוין איבריג, וואס־זשע דארף מען דעם רב? , [2] מען זאלל שוין דענקען אן די חתונה-קליידער. [3] ד. ה. מען קען זיך ניט וועגריהרען פון דער קראם, גלייך מען וואלט געלעהמט געוועזען אויף די פיס. [4] א פויסט מאכען הייסט אייגעם טראשען. [5] אז מען האנדעלט מיט קליינינקייטען פערדיענט מען קליינינקייטען. [6] ווערליג דעם מסחר איז דער פערדיענסט.

889 אַז מען הייטצט אין באַד. ווערט וואַרעם אין דער שטאָדט.

890 אַז מען וואַרפט אַ שטעקען אין דער וואַנד. בלייבט ער שטעקען. 1)

891 אַז מען וויל אַ הונד אַ זעטץ געבען געפינדט מען אַ שטעקען.

892 אַז מען וויל אַ זאַך לערנען כסדר מוז מען יונגערהייט געהען אין חדר.

893 אַז מען וויל גוט בודק'ענען איז אַללעם טריפה.

894 אַז מען וויל האָבען די קוה. מוז מען האָבען דיא מיה.

895 אַז מען וויל נאָכטהון לייטען, מוז מען זיך וואַרפען אויף אַללע זייטען.

896 אַז מען וויל ניט דעם בעהעלפער, וואַרפט מען זיין פעקעל הערוים.

897 אַז מען וויל ניט דעם חזן. הייסט ער זיך געבען אַ הוספה.

898 אַז מען זאָהט אינדיקים. וואַקסען נאַרראָנים.

899 אַז מען זאָהט־וואַקסט.

900 אַז מען זוכט חלה, פערליערט מען דער ווייל דאָס ברויט.

901 אַז מען זיטצט אין דער היים, צערייסט מען קיין שטיעבעל ניט.

902 אַז מען זעהט ניט שרה דיא בלינדע. איז רבקה די שוואַרצע שאָנער.

903 אַז מען חאַפּט ניט ביים דער האַנד, הייסט מען קיין גנב ניט.

904 אַז מען טהוט אַ בעזעם שאַהן אָן, איז ער אויך שאָן זעהט ער אויך אוים ווי אַ מענש..)

905 אַז מען טרעט אויף דער קאָטשערע (ריג) שפּרינגט זי אויך צוריק. 2)

906 אַז מען ישובט זיך צו פיעל, נעמט דער אַנדערע די פרנסה אַוועק.

907 אַז מען לאַכט, זעהען אַללע – אַז מען וויינט, זעהט קיינער ניט.

908 אַז מען לאָזט אַ זכר אונ אַ נקבה אַליין אין הויז, קומט קיין גוטס ניט הערוים.

909 אַז מען לייענט דריי טאָג כסדר, רעגענט עס.

910 אַז מען לעגט העריין קדחת, נעמט מען הערוים קרענק.

911 אַז מען לעגט זיך אָהן וויעטשערע, איז נידריג צו קאַפּפּענס.

912 אַז מען לעגט זיך אין קליינען. שלעפען אַוועק די חזירים.

913 אַז מען לעגט זיך ניט געגעסען, שטעהט מען אויף ניט געשלאָפען.

914 אַז מען לעגט ניט העריין טאַקע, נעמט מען הערוים אַ מכה.

915 אַז מען מאַכט אַ מיידעל ניט חתונה, מאַכט זי זיך אַליין חתונה.

916 אַז מען מאַכט דאָס מויל ניט אויף, פליעהט קיינע פליעג ניט העריין.

917 אַז מען מאַכט צו די אויגען, זעהט מען אַ רוח.

918 אַז מען מיינט – גענאַררט מען זיך.

919 אַז מען איז שולדיג דעם קירשנער איז מען אַ בעל חוב איבער דעם קאָפּ 3)

920 אַז מען נעמט זיך פיער. לויפט דאָס

1) ער בלייבט וואס ער איז פריהער געוועזן — א שטעקן. 2) ריג (אום פאלנישען) róg הייסט א ווינקעל. 3) מסתמא איז מען דעם קירשנער שולדיג פאר דעם-היטעל, וואס זיצט אויף דעם קאפף, אדער ווי דאס שפריכווארט זאגט „איבער דעם קאפף".

פינפטע אליין נאך . [1]

921 אז מען נעמט שלאגט מען איבער די האנד .

922 אז מען עססט אויף דעם בייגעל , בלייבט אין קעשענע דאס לאך . [2]

923 אז מען עססט חזיר , זאל עס שוין רינגען איבער דעם מויל .

924 אז מען עססט שבת טשאלענט , איז מען ביז מיטטוואך זאטט .

925 אז מען עסט שבת קוגעל, איז מען די גאנצע וואך זאטט .

926 אז מען פארט שבת , זיטצט מען אין דער וואכען אין דער היים .

927 אז מען פאללט הערייז , פאלט מען אויך הערוים .

928 אז מען פערזעטצט דעם טלית, איז שוין א סימן דלות .

929 אז מען פארטהיילט אין דער יוגענד , נעמט מען צונ־אויף אויף דער עלטער.

930 אז מען פליעהט צו הויך , קעהרט זיך איבער דער מוח .

931 אז מען פרייט זיך אויף א גוטע וויעטשערע, טראגט אן דער טייבעל א נאסט .

932 אז מען פרעגט , פרעגט מען זיך אן מפטיר (דערפרעגט מען זיך) .

933 אז מען צעהלט ספירה , קומט אויף די גלי־זמר א פגירה .

934 אז מען קאכט מיט שטרוי . בלייבט דאס עססען רוי .

935 אז מען קאכט ניט אין דער וואכען , האט מען שבת ניט וואס צו עססען . [3]

936 אז מען קאן ניט איבערהארען (איבער ווארטען) דאס שלעכטע , קאן מען דאס גוטע ניט דערלעבען .

937 אז מען קאן ניט אונ מען ווייסט ניט , נעמט מען זיך ניט אונטער .

938 אז מען קאן ניט וויא מען וויל , מוז מען זיטצען שטילל .

939 אז מען קומט איבער דיא פלאנקען , בעקומט מען אנדערע געדאנקען .

940 אז מען קומט ניט צו דער צייט , מוז מען עססען וואס איבריג בלייבט .

941 אז מען קלערט צו פיעל אום שבת ארבעט מען וועניגער אין דער וואכען.

942 אז מען קריעגט זיך מיט דעם רב , מוז מען האלטען מיט דעם באדער (מוז־מען שלום זיין מיט דעם שאנקער) .

943 אז מען קריעכט דורך א פענסטער , וואקסט מען ניט . [4]

944 אז מען רייבט זיך נעבען א נגיד , רייבט מען זיך אויס א לאך .

945 אז מען ריכט זיך אויף א גרויסען עולם , קומט קיין הונד ניט .

946 אז מען רעדט א סך , רעדט מען פון זיך .

947 אז מען שעמט זיך האט מען ניט קיין קינדער .

948 אז מען שווייגט קריעגט מען דעם בעסטען חלק .

949 אז מען שטארבט זאלצט מען ניט

---

1) אז מען נעמט פיער פערד , לויפט נאך א קליין לאשעקל אלס פינפטעס . 2) ד. ה. ווענן מען איז א זולל וסובא בלייבט אין דער קעשענע קיין געלד . 3) אין דער וואכען מיינט מען פרייטאג ביי טאג . 4) אזוי זאגט מען געוואהנליך פיר די קינדער . דאס שפריכווארט מיינט אבער פשוט א גנב וואס קריעכט הערייז דורך א פענסטער האט ניט קיין מזל וברכה .

אַיין, נָאר-מֶען בֶּעגְרָאבְּט).

950 אַז מֶען שִׁיעסְט, מַאכְט מֶען „פּוּי".

951 אַז מֶען שְׁלָאגְט, שְׁלָאגְט מֶען אוֹיס פּוּטֶער.

952 אַז מֶען שְׁלָאגְט שְׁלָאגְט מֶען זִיךְ. [1]

953 אַז מֶען שְׁמִיערְט אָן דִיא רֶאדֶער, סְקְרִיפֶּען זֵיי נִיט.

954 אַז מֶען שְׁפָּארְט נִיט דֶעם גְרָאשֶׁען, קוּמְט מֶען נִיט צוּם קֶערְבֶּעל.

955 אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועלְלֶען אַלְלֶע קְרַאנְקֶע גֶעהֵיילְט וֶוערֶען, נָאר אַ נַארְר וֶועט אַ קַאלִיעְקֶע בְּלַייבֶּען.

956 אַז נַארְרָאנִים הָאבֶּען לִיעבּ זִיסְם, הָאבֶּען דִי קְלוּגֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְט. [2]

957 אָזְנַיִם לַכּוֹתֶל – אַ שְׁטִיוֶועל הָאט אוֹיךְ אוֹיֶערְן.

958 אַז עֶס אִיז אֵיינֶעם בֶּעשֶׁערְט דֶער־טְרוּנְקֶען צוּ וֶוערֶען, וֶוערְט עֶר דֶער־טְרוּנְקֶען אִין אַ לֶעפְפֶעל וַואסְסֶער.

959 אַז עֶס אִיז אֵיינֶעם צוּ גוּט, גֶעהְט עֶר זִיךְ גְלִיטְשֶׁען אוֹיפְן אַייז. [3]

960 אַז עֶס אִיז דָא אִין טָאפּ, אִיז דָא אִין טֶעלְלֶער.

961 אַז עֶס אִיז נִיט דָא קַיין מֵיידֶען, טַאנְצְט מֶען מִיט שִׁיקְסֶעס.

962 אַז עֶס אִיז נִיט דָא קַיין „פַּאפְּפֶּע" גֶעהְט מֶען „לוּלְיָא". [4]

963 אַז עֶס גֶעהְט צוּם לֶעבֶּען, פֶּערְפֶּעהְלְט נִיט קַיין יָאהְרֶען.

964 אַז עֶס הֶעלְפְט נִיט קַיין פַּאטְשׁ, מוּז מֶען נֶעמֶען דִי בַּייטְשׁ.

965 אַז עֶס וֶוערְט נִיט בֶּעסְסֶער, וֶוערְט מִמֵילָא עֶרְגֶער.

966 אַז עֶס מָאהְלְט זִיךְ אִין מִיהְל, אִיז אִין דֶער הֵיים רוּהִיג אוּנ שְׁטִילְל.

967 אַז עֶס מַאכְט זִיךְ נִיט וִוי מֶען וִויל, מוּז מֶען וֶואלְלֶען וִוי עֶס מַאכְט זִיךְ.

968 אַז עֶס קוּמְט אַ פְּלֶעק אוֹיף אַטְלַאס, בְּלַייבְּט עֶס דָאךְ אַטְלַאס. [5]

969 אַז עֶס קוּמְט עֶרֶב־פֶּסַח, דְרֶעהְט זִיךְ בַּיי דִי ווַייבֶּער דֶער שְׁלֵייעֶר.

970 אַז עֶס קוּמְט פּוּרִים, פֶּערְגֶעסְט מֶען אָן אַלְלֶע יִסוּרִים.

971 אַז עֶס רֶעגֶענְט, רֶעגֶענְט עֶס אוּמֶעדוּם.

972 אַז צְוֵויי שְׁלָאגֶען זִיךְ, הַאפְּט דֶער דְרִיטְטֶער דָאס הִיטְטֶעל.

973 אַז צִיבֶּעלֶעס אִיז „צִיבּוּלְיֶע" אִיז קְנָאבֶּעל „קְנָאבּוּלְיֶע". [6]

974 אַז שְׁקָצִים מִיט מָאהֶן אִיז אַ מַאֲכָל, אִיז פִּיפִּיוְקֶע אַ טַייכֶעל. [7]

975 אַז „שָׂרָה" אִיז צֶעהֶן אִיז „רִבְקָה" עֶלֶעף. [8]

976 אַ חוֹנֵף טָאר נִיט אִין בֵּעס וֶוערֶען.

---

1) דאס אונרעכט אונ די שאנד יעמאנד צו שלאגען פאללט אויף דעם שלאגער צוריק. 2) כדי מען זאלל זיך שעמען זיסבע זאכען צו עססען, מען זאל ניט זאגען, אז מען איז א נארר, די קלוגע האבען די טובה אז דאס זיססע בלייבט פאר זיי. 3) דאס גליק מאכט דעם מענשען איבערמיטהיג. 4) „פאפפע" אונ „לוליא" הייסט אין דער קינדער־שפראכע עססען אונ שלאפען. 5) ווען א מיוחס מאכט אויך אמאהל א קלייגען פעהלער, הערט ער דאך ניט אויף צו זיין א שענער יוד. 6) ציבעלע הייסט אויף פאלניש cybula. 7) שקצים מיט מאהן הייסט א בעליעבט מאכל אין אייניגען געגענדען פאן רוסלאנד, פיפיוקע מוז זיין א גאנץ קליין וואססערל, וואס מאכט אנשפרוך צו זיין א טייכעל. 8) איין עם-הארץ פערוועקסעלט דעם נאמען שרה מיט עשרה אונ דריגגט דער פון אז רבקה מוז זיין עלעף.

977 אַ חַזָן אָהן אַ קוֹל אִיז וִוי אַ שָׂאף אָהְן וָואלְל .

978 אַ חַזָן אויף דֶער עֶלְטֶער בִּילְלט וִוי אַ הוּנְד אוּנ פְּרֶעסְט וִוי אַ פֶּערְד .

979 אַ חַזָן אוּנ אַ פֶּערְד זֶענֶגען נָאר גוּט בִּיז פֶערְצִיג יָאהְר .

980 אַ חַזָן זָאגְט צְוֵויי מָאהְל. 1)

981 אַ חַזָן זִינְגְט אוּנ אַ הוּהְן קְרֶאהְט אִיז נָאךְ נִיט גְלַייךְ .

982 אַ חִילוּף אִיז אַ חַלָף . 2)

983 אַ חָכָם עֶסְסְט עֶר זָאלְל לֶעבֶּען . אַ נַארְר לֶעבְּט עֶר זָאלְל עֶסְסֶען .

984 אַ חָכָם שְׁוַויְיגְט שְׁטִילְל .

985 אַ חָלוֹם אִיז אַ הַאלְבֶּער נָבִיא .

986 אַ חָלוֹם אִיז אַ נַארְר, גָאטְט אִיז אַ הַארְר .

987 אַ חָלוֹם אִיז וִוי אַ מַארְשֶׁעלֶעק . 3)

988 אַחַר הַמַעֲשֶׂה, הֶעלְפְט קֵיין חַרָטָה .

989 אַ טָאכְטֶער אִיז אַ וָואלְף . 4)

990 אַ טָאכְטֶער אִין דֶער נוֹיטְה — אַ זָאהְן נָאךְ דֶעם טוֹיט . 5)

991 אַ טַאנְץ גֶעהְט נִיט פַאר קֵיין עֶסְסֶען .

992 אַ טַאפּ אִין וָואגֶען שַׁאדְט נִיט . 6)

993 אַ טוֹב־לַכֹּל אִיז אַ רַע־לַכֹּל .

994 אַ טוֹיבֶער הָאט גֶעהֶערְט, וִוי אַ שְׁטוּמְמֶער הָאט דֶערְצֶעהלְט, אַז אַ בְּלִינְדֶער הָאט אַלֵיין גֶעזֶעהֶען, וִוי אַ קְרוּמֶער אִיז גֶעלוֹיפֶען . 7)

995 אַ טוֹיטֶען בֶּעוֵויינְט מֶען זִיעבֶּען טָאג, — אַ נַארְר דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען .

996 אַ טוֹיטֶען זָאלְל מֶען דִי וָואהְרְהֵייט נָאךְ־זָאגֶען .

997 אַ טוֹיטֶע קוּה גִיט קֵיין מִילְךְ .

998 אַ טוֹיטֶער מַאכְט קֵיין קְרִיעג נִיט אָן .

999 אַ טְרוּקֶענֶער „מִי־שֶׁבֵּרַךְ" הֶעלְפְט וִוי טְרוּקֶענֶע בַּאנְקֶעס . 8)

1000 אִיבֶּער אֵיין אֵיי אִיז אַ גַאנְצֶע שְׁטָאדְט חָרוּב גֶעוָוארֶען .

1001 אִיבֶּער אַ צְוִויקֶעל זָאל מֶען קֵיין הֶעמְד נִיט קַאלְיֶע מַאכֶען .

1002 אִיבֶּערְגֶעקוּמֶענֶע צָרוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֶעהלֶען .

1003 אַ יוּד אוּנ אַ וָואלְף גֶעהֶען נִיט אוּם לֶעדִיג . 9)

1004 אַ יוּד גֶעבּוֹירֶען — אַ יוּד פֶערְלוֹירֶען .

1005 אַ יוּדִינֶע אָהן אַ „צְאֶינָה וּרְאֶינָה" אִיז וִוי אַ שִׁיִינֶעץ אָהן אַ פַּייפֶעלֶע .

1006 אַ יוּדִישֶׁע יְרוּשָׁה אִיז אַ גִילְדֶענֶע

1) די שטיללע אונ די הויכע ש"ע . 2) ד. ה. אז מען מאכט א חילוף נארט מען זיך אב . 3) אזוי ווי א מארשעלעק זאגט אמאהל וואס איינס צום צעהנטען קומט נים , אזוי אויך דער חלום . 4) א יודישע טאכטער אז זי האט חתונה רייסט זי ארום די עלטערען אזוי ווי א וואלף די ארעמע שעפעלעך , די עלטערען מעגען זיין ארעם איז אוסער נדן מיט אללע חתונה — הוצאות , מיז די יודישע טאכטער האבען סאמעטענע אונ זיידענע קליידער, טייערע אוירענגליך אונ צירונג, ווער שמועסט א ווייס זיידען קלייד אויף איין מאל צו דער חופה גנהן כוז די יודישע טאכטער אודאי האבען , נאך אונזער מיינונג קען קיין געפעהרליכער וואלף גאר נים זיין ווי אונזערע יודישע טאכטער זאלען לעבען אונ געזונד זיין ; 5) פון א זאהן זענען די עלטערן זיכער אז ער וועט נאך זיי קדיש זאגען , אבער אין א נויטה איז א טאכטער געטרייער אונ צערטליכער . 6) ביי די ראגאטקעס זוכען די סטראזשניקעס בראנפען אין דעם וואגען , זיי האבען אייזערנע שפיזען מיט וועלכע זיי טאפען הערום אין דעם היי אדער שטרוי , אייב עס געפינט זיך נים קיין בראנפען . 7) אז מען הערט דערצעהלען גרויסע ליגען אונ גוזמאות . 8) א טרוקענער „מי שברך" הייסט אז מען איז קיין געלד נים מנדר . 9) ד. ה. ביידע לויפען שטענדיג הערום צו זוכען פרנסה .

צָדֶער. 1)

1007 אַ יוּדִישֶׁע מוֹיד קֶען מֶען נִיט גַיִיטהֶען.

1008 אַ יוּדִישֶׁע קאַפָּאטֶע אִיז אַ זַאק מִיט צְווֵיי קְלֵיינֶע זֶאקְלֶעךְ.

1009 אַ יוּדִישֶׁער „זַארַאז“ (Zaraz) אִיז וִוי אַ פּוֹילִישֶׁער „דַאלִיבָּאג“ (dalibóg) וִוי אַ רוּסִישֶׁער „סֵיי טְשַׁאס“. (сей часъ)

1010 אַ יוּדִישׁ עֲשִׁירוּת אִיז וִוי אַ בִּינְטֶעל שְׁטְרוֹי. 2)

1011 אַ יוּד מִיט אַ גְרוֹיסֶען סְפָּאדֶעק אָבֶּער מִיט אַ טְרֵיפָה הַארְץ.

1012 אַ יוּדֶען טָאר מֶען נִיט גֶעבֶּען דָאס גֶע בָּאטֶענֶע גֶעלְד. 3)

1013 אַ יוּדֶענְס פַּרְנָסָה אִיז יָגוֹן וַאֲנָחָה אוּנ זַיין גְלִיק אִיז אַ מַעֲרָכָה.

1014 אַ יוֹדֵעַ שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ אִיז אַ הַאלְבֶּער יוֹדֵעַ.

1015 אַ יוּנְג בֵּיימֶעלֶע בֵּייגְט זִיךְ, אַיין אַלְטֶעס בְּרִיכְט זִיךְ.

1016 אַ יוּנְג וַוייבּ אִיז וִוי אַ שֶׁאן פֵּייגֶעלֶע וָואס מֶען מוּז הַאלְטֶען אִין שְׁטַייגֶעלֶע.

1017 אִיז דָאס פוּן מֵייֶערְן, וֶועט עֶס זִיךְ פֶערְשְׁלֵייֶערְן, אִיז דָאס פוּן, הְרֵיין וֶועט עֶס צוּגֶעהֶען. 4)

1018 „אֵיזֶהוּ גִבּוֹר? — הַכּוֹבֵשׁ“ אַ גְלַייךְ וֶוערְטֶעל

1019 אִיטְלִיכְם הַארְץ לַיידְט זַיין שְׁמֶערְץ.

1020 אִיטְלִיכְם חֵדֶר הָאט זַיין נַארר.

1021 אִיטְלִיכְם טָאפְּפֶּעל גֶעפִינֶט זִיךְ זַיין שְׁטֶערְצֶעל.

1022 אִיטְלִיכְם מֶאנְטֶעלֶע הָאט זַיין קֶאנְטֶעלֶע.

1023 אִיטְלִיכֶע בַּת־יְחִידָה מַאכְט זִיךְ אִיהְר חֵן־יְדֶל צוּ־רֶעכְט.

1024 אִיטְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ אִיהְר גֶּבְרָחָה (הַסְרָחָה).

1025 אִיטְלִיכֶער אֵיידֶעם אִיז אַ שְׁטִיק שְׁוֶוער.

1026 אִיטְלִיכֶער בֶּעט אוֹיף אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, אוּנ מֵיינְט גָאר אַ טְרִינְק בְּרָאנְפֶען.

1027 אִיטְלִיכֶער בַּעַל־בַּיִת הָאט פְּלֵיי אִין דֶער נָאז. (אָדֶער „פְלִיגֶען אִין דֶער נָאז“).

1028 אִיטְלִיכֶער גַנָב הָאט זִיךְ זַיין תֵּירוּץ.

1029 אִיטְלִיכֶער הָאט לִיעבּ דֶעם אֱמֶת, אָבֶּער נִיט אִיטְלִיכֶער זָאגְט אִיהְם.

1030 אִיטְלִיכֶער הוּנְד אוֹיף זַיין גְרוּנְד.

1031 אִיטְלִיכֶער וָוארֶעם הָאט זַיין לָאךְ.

1032 אִיטְלִיכֶער יוּד הָאט זִיךְ זַיין שֻׁלְחָן־עָרוּךְ.

1033 אִיטְלִיכֶער מֵיינְט נָאר דִי גְרוֹיסֶע קוּנְץ, וִוי מֶען בֶּעקוּמְט דָאס בִּיסֶעלֶע מִינְץ.

1034 אִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין שִׁגָעוֹן.

1035 אִיטְלִיכֶער מְשׁוּגֶע'נֶער וֶוערְט תַּמוּז קְלָאר.

1036 אִיטְלִיכֶער צַד הָאט אַ צַד שֶׁכְּנֶגְדוֹ.

1037 אִיטְלִיכֶער עוֹשֶׁר הָאט זַיין יוֹשֶׁר.

1038 אִיטְלִיכֶער שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְהוּט

1) אײנע גילדענע אדער הײסט (אויך אים דײטשען) העמאראידען. 2) ד. ה. עס טהוט א פלאקער אויף איין מינוט אין לעשט זיך באלד אוים. 3) דען ער קרענקט זיך דערנאך ווארום ער האט פאר דער סהורה ניט מעהר פערלאנגט. 4) די בעל-בית-טעס האבען דיעזע רעגעל אז ווי מאכען פסח קעזליך אונ חרעמזליך פון מייערן אונ פון חריין.

איז גוט – נאה א יאהר ווערט מען געוואהר.

1039 איידער איך זאלל שטארבען פאר הונגער, עסס איך שוין ליעבער געבראטענס.

1040 איידער דער טאטע איז געבוירען שטעהט דער זאהן אויף דעם דאך.

1041 איידער דער יוד געהט אין מארק הערײן, קאסט איהם אללעס וואלוועל.

1042 איידער הערײנצולעגען אין דער פושקע, לעגט מען ליעבער הערײן אין דער קישקע. 1)

1043 איידער מען איז מגדל א קליין קינד, עסט מען פריהר צעהן גרויסע אקסען אויף.

1044 איין אויג האט מעהר גלויבען איידער צוויי אויערן. 2)

1045 איין אויג מוז אויך שלאפען.

1046 איין אבגעשעהלט איי קומט ניט גלייך אין מויל הערײן.

1047 איין אהל קענן אין א זאק ניט בלייבען פערבארגען, דער שפיטץ קומט הערוים היינט אדער מארגען.

1048 איין אויסגעגעבענע טאכטער, איז איין אבגעשניטען שטיקעל ברויט. 3)

1049 איין איבריג גלאזעל וויין מאכט שמערץ און פיין.

1050 איין איידעם איז ווי א טשאלענט. 4)

1051 איין איינִיקל האט מען ליעבער ווי אין אייגען קינד.

1052 איין איינשפארער איז בעסער ווי א פערדינער.

1053 איין אלטען, איז גוט צו בעהאלטען 5)

1054 איין אלטער יוד אין שטוב איז א ברכה, איין אלטע יודענע אין שטוב איז א גסרחה (הסרחה).

1055 איין אלטער פריינד איז בעסער ווי נייע צוויי.

1056 איין אלטער שארבען לעבט איבער א נייעם טאפ.

1057 איין אקס פאר א גראשען, ווען דער גראשען איז ניט דא.

1058 איין ארעמאנן און א קראנקער זענען שטענדיג תקיף. 6)

1059 איין ארעמאנן איז א ותרן אויף א פרעמדען בייטעל.

1060 איין ארעמאנן איז ווי א הויקער. 7)

1061 איין ארעמאנן האט א בעז שלימזל.

1062 איין ארעמאנן האט ניט וואס אנצוּווערען. 8)

1063 איין ארעמאנן מאכט א זול אין א יקרות.

1064 איין ארעמאנן קוויקט זיך מיט חלשות.

1065 איין ארעמאנן שטעהט ביי דער טהיר.

1066 איין ארעמאנן שלאפט אין דער פינסטער.

1) פאר ציימען ו ער עס געוואלט געלד ואממלען, פפלעגט עס קלייבען אין א פושקע. 2) ביי עדות זאגין.
3) איך פערשטעה ניט דעם זינן פון דיזעם שפריכווארט. 4) מען ווייס ניט ווי ער וועט הערויסקוממען ווי דער קוגעל וואס מען שטעללט העריין אין טשאלענט־אובען. 5) ד. ה. צו בעגראבען, אזוי דענקט אפשר א יונג מיידעל ביי זיך ווען זי האט חתונה מיט איין אלטען מאנן און ווינשט זיך זי זאל איהם באלד פטור ווערען און פון איהם ירשנ׳ען. 6) ד. ה. מען וויל זיי ניט דערבאזערן און גיבט איהנען נאך.
7) ד. ה. וואס ער פארמאגט, דאס טראגט ער אויף זיך.. 8) ער קען אללעס פראבירען — דען ארגער קען איהם שוין ניט זיין.

1067 אײן אָרֶעם קָהָל אִיז נִיט דָא. 1)

1068 אײן אֵשֶׁת־חַיִל גִיט דְעם מַאנְן דִי
הַאלְבֶּע פַּרְנָסָה.

1069 אײן גָאטְט אױף אַלֶע שׂוֹנְאִים.

1070 אײן טַאטֶע צֶעהְן קִינְדֶער דֶערְנֶעהְר.
אָבֶּער צֶעהְן קִינְדֶער אײן טַאטֶען —
אִיז צוּ שְׁוֶוער.

1071 אײן נַארְר אִיז אַ מֵבִין אױף דֶעם
אַנְדֶערן.

1072 אײן נַארְר מַאכְט פִּיעֶל
נַארְרָאנִים.

1073 אײן נַארְר קֶענְן מֶעהְר אָנְקוּיפֶּען
אײדֶער צֶעהְן קְלוּגֶע קֶענֶנֶען
פֶּערְקוּיפֶען.

1074 אײנְס — אִיז קֵײנְס. 2)

1075 אײנְס מִיט דֶעם דְרִיטֶען אִיז נִיט
קֵיין מְחוּתָּן. 3)

1076 אײן עוֹלָם אִיז נִיט קֵיין גוֹלָם.

1077 אײן עוֹשֶׁר הָאט אוּמֶעדוּם אַ דֵעָה.

1078 אײן עַזוּת פָּנִים אִיז בֶּעסֶער וִוי
מְזוּמָן גֶעלְד.

1079 אײן עַזוּת־פָּנִים קוּמְט גְלַײךְ אִין גַן־
עֵדֶן הָערַיין. 4)

1080 אײנֶעם דַאכְט־זִיךְ, אַז בַּיי דֶעם
אַנְדֶערן לַייכְט־זִיךְ; צוּם סוֹף אִיז
דָאס גָאר אַ מֶעשֶׁען קְנֶאפֶּעל.

1081 אײנֶעם וַוארְפְט מֶען הֶערַיין, דֶעם
אַנְדֶערן וַוארְפְט מֶען הֶערוֹיס.

1082 אײן עַקְשָׁן אִיז אֶרְגֶער וִוי אַ קַאלְיֶעקֶע.

1083 אײן עַקְשָׁן פַּאלְט תָּמִיד אַיין דֶער
בְּלָאטֶע הָערַיין.

1084 אײנֶער בֶּענְשְׁט מְזוּמָן — דֶער אַנְדֶערֶע
הָאט מְזוּמָן (צֶעהְלְט מְזוּמָן).

1085 אײנֶער גִיט מִיט לֶעפְּפֶעל — אײנֶער
גִיט מִיט שֶׁעפֶּפֶעל.

1086 אײנֶער הָאט מְזוּמָן בַּיי טִישׁ, דֶער
אַנְדֶערֶע אִין טַאשׁ.

1087 אײנֶער הָאט נִיט אִין זִינְן, דֶער
אַנְדֶערֶע הָאט נִיט פוּן וַוהִין. 5)

1088 אײנֶער הַאלְט דִי קוּה בַּיי דִי הֶערְנֶער,
אוּנ דֶער אַנְדֶערֶע מֶעלְקְט זִי.

1089 אײנֶער לַאקָאמֶעט זִיךְ אױף דֶעם רֶוַח,
אוּנ דֶער אַנְדֶערֶע אױף דֶעם קֶרֶן.

1090 אײנֶער שְׁרַייט „אַהִי"! אוּנ דֶער
אַנְדֶערֶע שְׁרַייט „הֶעטְיַא"! 6)

1091 אײן פַארְשִׁיוֶוע שָׁאף מַאכְט
אַלֶע שָׁאף פַארְשִׁיוֶוע.

1092 אײן צַד אִיז תָּמִיד פַּארְטִיג. 7)

1093 אײן צִיגַאנֶער גַנְבֶ'עט נִיט בַּיי דֶעם
אַנְדֶערן.

1094 אײן רוֹיטֶע קוּה אִיז דָא אױף דֶער
וֶועלְט? 8)

1095 אִיךְ וָואלְט גִיוָואלְט זֶעהֶען וִוי עֶס
וֶועט נָאךְ מַיין טוֹיט צוּגֶעהֶען.

1096 אִיךְ נִיט פוֹיל — גִיט עֶר מִיר
אַ פַּאטְשׁ.

1097 אִין אַ בְּרוּנֶעֶן וָואס מֶען הָאט פוּן
אִיהְם וַואסֶער גֶעטְרוּנְקֶען זָאלל מֶען

1) וואס פאר א יחיד איז צו טהייער אדער צו שווער, קען א רבים לייכט אויספיהרען. 2) זאגט א מוטער אז זי האט נאר איין קינד. 3) ד. ה. זי קעהרען זיך מיט איינאנדער גאר נים אן. 4) ווייל ער ווארט נים מען זאל איהם פריהר בעטען. 5) איינער איז קיין בעל צדקה ווייל ער ווילל נים, דער אנדערע ווייל ער קען נים. 6) ד. ה. איינער ציהט הער, אונ דער אנדערע הין (מיט „אהי" אונ „העטיא" טרייבט מען אן אקסען). 7) איין צד ווילל תמיד דעם שידוך טהון. 8) עס בעציעהט זיך ווארשיינלעך אויף די פרה אדומה.

..קֵיין שְׁטֵיין נִיט הֶערֵיינְוואַרְפֶען . 1)

1098 אִין אַ גוּטֶער שָׁעָה צוּ רֶעדֶען אוּן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶער צוּ שְׁווַייגֶען.

1099 אֵין אוֹרֵחַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ .

1100 אִין אַ זוֹל עֶסְט מֶען אוֹיף דָאס מְזוּמֶנֶע גֶעלְד . 2)

1101 אִין אֵיין אָפְּפֶען טָאפְּפֶעל שְׁטֶעקְט אִיטְלִיכֶע מוֹיז הֶערֵיין דָאס קָאפְּפֶעל.

1102 אִין אַ לֶעדִיג פַאסס קָאן דִי בְּרָכָה נִיט הֶערַיין. 3)

1103 אִין אַ מַגֵפָה אִיז אַ צִיעג אוֹיךְ אַ בְּהֵמָה .

1104 אִין אַ שֵׁיינֶעם עֶפְּפֶעל גֶעפִינְט מֶען אַ מָאהְל אַ וָוארֶעם .

1105 אִין בָּאנַארְיֶע קְרֶעהֶען דִי חֲזֵירִים. 4)

1106 אִין בָּאד זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען אִיז נִיט דָא פַאר וֶועמֶען .

1107 אֵין בְּרֵירָה – אִיז אַ גְרוֹיסֶע גְזֵירָה .

1108 אֵין בְּרֵירָה – יֶעדְז קוּ סָאבְּיֶע . 5)

1109 אִין דִי אוֹיגִין הֵייסְט גֶערֶעדְט, אוּנְטֶער דִי אוֹיגִין הֵייסְט גֶעבִּילְלְט .

1110 אִין דִי קְטוֹרֶת אִיז דָא חֶלְבְּנָה אוֹיךְ. 6)

1111 אִין דֶעם בּוֹיךְ זֶעהְט קֵיינֶער נִיט , אוֹיף דֶעם בּוֹיךְ זֶעהֶען אַלְלֶע .

1112 אִן דֶעם בֶּעסְטֶען קִינְד פֶּערְגֶעסְט מֶען .

1113 אִין דֶעם שְׁלָאף גֵייט אַלְלֶעס אַ וֶועג .

1114 אִין דֶער הֵיילִיגֶער גְמָרָא גֶעפִינְט מֶען אַלְץ , אֲפִילוּ אַ דַארְרֶע וַואנְץ .

1115 אִין דֶער יוּגֶענְד אַ לִינְגֶער , אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אַ גַנָב .

1116 אִין דֶער מוֹידְם גְלִיק גֶערָאטְה דֶער בִּיק .

1117 אִין דֶער שְׁטָאדְט וואוּ מֶען אִיז גֶעבּוֹירֶען פֶעהְלְט תָּמִיד אַ חוֹדֶשׁ . 7)

1118 אִין וִוינְטֶער אִיז צְווֵיי מָאהְל אִין דֶער וָואךְ שַׁבָּת . 8)

1119 אֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה כְּנֶגֶד שְׁלֶעכְטֶע קָארְטֶען . 9)

1120 אִין חֶשְׁוָן מַאכְט מֶען חֶשְׁבּוֹן . 10)

1121 ״אֵין לִי״ – אִיז פָּטוּר. 11)

1122 אֵין לְרַחֵם בְּקָארְטֶען . 12)

1123 אִין מִיטְטֶען מַאנְץ פְּלַאצְט דִי סְטרוּנֶע .

1124 אִין נִיסָן אִיז גוּט צוּ שְׁטַארְבֶּען – אָבֶּער נָאר פַאר יֶענֶעם .

1125 אִין מֶעזְשֶׁערִיטְשׁ שְׁטַארְבְּט קֵיין עוֹשֶׁר נִיט. 13)

---

1) מען זאל ניט משלם זיין רעה תחת טובה . 2) עס דאכט זיך אלץ ; עס איז זעהר וואלוועל און מען גיט מעהר געלד אויס . 3) ד. ה. אז אין דעם פאסס איז ניט דא קיין ביער אדער קיין וויין , קאן מען ניט פערדיענען . 4) איזט איינע קליינע שטאדט אין פאלען Bogarya . 5] פאליש . jedź ku sobie 6) ד. ה. אין דער שעהנסטער משפחה איז אמאהל דא א פסול . 7) נעמליך דער חדש „אייר" ; מען זאגט אין דער געבורטשטאדט איטליכען יונגען מאנן „דו" אנשטאטט „איהר" . 8) ווייל עס זענגען זעהר קורצע טעג דאכט זיך אזוי . 9) אזוי זאגט מען ווען די קארטע געהט ניט . 10) די קראמער מאכין געוועהגליך מדידה ר"ח חשון . 11) ווען איינער זאגט : איך האב ניט אבצוגעבען , מוז ער פטור זיין , דענן , זאגט איין דייטשעס שפריכווארט : ווא ניכטס איזט , דא האט דער קעניג זיין רעכט פערלארען . 12) ביים קארטענשפיעל זאלל מען אויף דעם אנדערין קיין רחמנות האבין. 13) מעזשעריטש איז א קליין ארעס שטעדטיל אין פאלען. מען ערצעהלט איינע אנעקדאטע דאס איין שנאררער (בעטטלער) איז אמאהל געקומען צו א גרויסען נגיר , דער זעהר געפעהרליך וואר , און האט זיך געמעלדעט , אז ער האט א רפואה פאר דעם קראנקען . דער גביר איז זייער נייגעריג געוועזען צו הערען וואס די רפואה איז , האט אידם דער שנאררער געראטהען, ער זאלל פאהרען קיין מעזשעריטש, ווארום דארט איז נאך קיין מאהל קיין עושר ניט געשטארבען.

1126 אִין פִּינְטְשֶׁעוו טָאגְט עֶס! 1)

1127 אִין פְרֵיידְען אִיז אַ יָאהְר אַ טָאג,
אִין לֵיידְען אִיז אַ טָאג אַ יָאהְר.

1128 אִין שַׁבַּת טְרִינְקְט זִיךְ אָן דֶער אָקְס
זַאטְט. 2)

1129 אַ כֹּהֵן אִיז אַ כַּעְסָ'ן.

1130 אַכְט אוּנ אַכְטְצִיג (88) אִיז אַ יוּדִישֶׁע
קְלָלָה.

1131 אַ כַּעְסָ'ן אִיז עֶרְגֶער וִויא אַשְׁוֶועבֶּלֶע 3)

1132 אַ כַּפָּרָה אַ יָחִיד פַאר אַ רַבִּים.

1133 אַ כַּפָּרָה גֶעלְד – אַבִּי דֶער כָּבוֹד אִיז
גְרוֹיס.

1134 אַ כַּפָּרָה דִי כְּהוּנָה פַאר אַ שֵׁיין
פָּנִים.

1135 אַ לַאנְגֶע קְרֵינְק אִיז אַ זִיכֶערֶער טוֹיט.

1136 אַלְטֶע (קְרַאנְקֶע) לַייט זָאלֶען גָאר נִיט
גֶעבּוֹירֶען וֶוערִין.

1137 אַלֵיין – אִיז דִי נְשָׁמָה רֵיין.

1138 אַלֶע גְלִיעדֶער וִוילְלֶען רֵיידֶען אוּנ
דִי צוּנְג שְׁטֶעלְלְט מֶען הֶערוֹיס.

1139 אַלֶע גֶעלְדְ־שִׁידוּכִים הָאבִּין קֵיין
קִיוּם.

1140 אַלֶע חַזָנִים זֶענֶען נַארְרָאנִים.

1141 אַלֶע חַם־וְשָׁלוֹמִ'ס זֶענֶען מֶעגְלִיךְ,

1142 אַ לִיטְוַואק נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אָפִּילוּ
צוּ זַיין אֵיין אַטְם.

1143 אַ לִיטְוַואק שְׁטַארְבְּט נִיט. 4)

1144 אַלֶע יוּדֶען הָאבִּין אֵיין שֵׂכֶל.

1145 אַלֶע יוּדִין קֶענְנֶען זַיין חַזָנִים – נָאר
דָאס רוֹב זֶענֶען זֵיי הֵייזֶערִיג.

1146 אַלֶע יָמִים־טוֹבִים וֶועלְלִין בָּטֵל
וֶוערִין, נָאר פּוּרִים וֶועט בְּלַייבִּין. 5)

1147 אַלֶע כַּלוֹת זֶענֶען שֵׁיין, אַלֶע מֵתִים
זֶענֶען פְרוּם.

1148 אַלֶע מֶאגֶעלֶעךְ זֶענְנֶען פְלֵיישִׁיג. 6)

1149 אַלֶע מִיאוּסֶע פַּרְנָסוֹת הָאבִּין שֵׁיינֶע
מַזָלוֹת.

1150 אַלֶע סִימָנִים גֶעהֶען אוּנְטֶער, נָאר
דֶער סִימָן דַלוּת בְּלַייבְּט.

1151 אַלֶעס קֶען דֶער מֶענְשׁ פַארְגֶעסֶען,
נָאר נִיט צוּ עֶסְסֶען.

1152 אַלֶע „עָלָיו־הַשָּׁלוֹמִ'ס" זֶענֶען גוּט.

1153 אַלֶע קְלוּגֶע גֶעהֶען צוּ פוּסס אוּנ
אַלֶע נַארְרָאנִים פָאהְרִין אִין

---

1) אנעקדאטע; אין אקליין שטעדטעל לעבען פינטשעוו איז א מאהל אום שבת־צו־נאכטס פייער אויס־געגאנגען אונ מען האט געשיקט א יונגעל קיין פינטשעוו ער זאלל פון דארט פייער ברינגען. איידער ער איז אבער פערגאנגען די פאאר ווערסט האט עס דערווייל אנגיהויבען צו טאגען. אז ער איז צוריק געקומען אונ מען האט איהם געפרעגט פאר וואס ער האט קיין פייער ניט געבראכט, האט דאס יונגעל געענטפערט: „אין פינטשעוו טאגט עס שוין". — מיר שיינט אבער, דאס דאס שפריכווארט האט איינען היסטארישען גרונד אונ שטאממט פון דער צייט דער פאלנישען דיססידענטען. דיעזע פארטהיי איז פאן דער פאלנישען רעגירונג זעהר פערפאלגט געווארדען אונ האט זיך געמוזט מאכען יד אחת מיט די יודען, די יודען זעננען דער פון זעהר צופריעדען געוועזען, ווייל זיי האבין דער ווייל גרויסע פרייהייטען גענאססען. דא אבער די הויפטשטאדט פון די דיססידענטען אונטער איינ'ם געוויססען שימאן בודני איז געוועזין אין פינטשעוו, האבען די יודען דאס מודיע געוועזען איהרע אנדערע ברידער אונ האבין איהנען געשריעבען: „מפינטשעוו יצא אור". 2) ר"ח שבט שמעלצט געוועהנליך דער שנעע, אונ עס איז דא פיעל וואסער. 3) ער ווירד באלד אנגעצונדין ווי פייער. 4) זא זאגין די פאלנישע יודען אויף איהרע ברידער די ליטוואקעס: א ליטוואק שטארבט ניט אלס ליטוואק; דען ער טויפט זיך שטארבט ער אלס קריסט; מען פערשיקט איהם נאך סיביר, שטארבט ער אלס סיבירניק; אדער ער וואנדערט אויס קיין ארץ ישראל, שטארבט ער אלס ארץ־ישראל־יוד, אבער אללעס ניט אלס ליטוואק. 5) ווען משיח וועט קוממען. 6) ווארטשפיעל: מעגעלעך פאן מאגען אונד מעגליך ד. ה. עס קענן מעגליך זיין.

קאַרְטָעס.

1154 אַלְלֶע שְׁטוּמֶע ווִילֶען אַסַךְ רֶעדֶען.

1155 אַ מָאהָל הָאט אַ מַייזֶעל אַ הַייזֶעל.

1156 אַ מויד מִיט אַ הֶויקער מַאכְט זָארְג
עֶרֶב ובוֹקֶר.

1157 אַמוּק קֶען אויך ווֶעה טְהוּן. 1)

1158 אַ מַאמֶע אִיז אַ קְנֶעכְט. אַ טַאטֶע אִיז
שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעכְט.

1159 אַ מַאמֶע אִיז אַ פָּאקְרִישֶׁקֶע, זִי דֶעקְט
צוּ דִי קִינְדֶערְס חֶסְרוֹנוֹת אוּנ דֶעם
מַאנְנֶס בִּזְיוֹנוֹת.

1160 אַ מַאמֶעלִיגֶע מִישְׁט מֶען מִיט
אַ דְרִיק, מֶען שְׁנַיידְט עֶס מִיט
אַשְׁטְרִיק — אוּנ דֶערְנָאךְ בֶּענְשְׁט מֶען
ווִי אַ פְלִיעג.

1161 אַ מַאנְן אויף אַ שְׁפַּאנְן, אַ בָּארְד אויף
אַיין אֵייל.

1162 אַ מַאנְן ווִי אַ מויז אוּנ אַ ווַייבּ ווִי
אַ הויז אִיז נָאךְ נִיט גְלַייךְ.

1163 אַ מִיאוּסֶע מויד אִיז אַ שִׂנְאַת־חִנָּם.

1164 אַ מִיאוּסֶע מויד הָאט פַיינְט דֶעם
שְׁפִּיעגֶעל.

1165 אַ מַכָּה אִיז גוּט — בַּיי יֶענֶעם אוּנְטֶער
דֶעם אָרֶעם.

1166 אַ מְלָאכָה אִיז אַ מְלוּכָה.

1167 אַ מְלָאכָה אִיז אַ פַּאנְצֶער פַאר דֶעם
דַלוּת.

1168 אַ מַלְאָךְ קֶענְן אויךְ קֵיינֶע צְווֵיי
שְׁלִיחוּת טְהוּן.

1169 אַ מַמְזֵר מֶעג מֶען זַיין אוּנ קְלוּג מוּז
מֶען זַיין.

1170 אַ מֶענְשׁ אִיז אַ מָאהְל שְׁטַארְקֶער פוּן
אַייזֶען אוּנ אַ מָאהְל שְׁלַאפֶער פוּן
אַ פְלִיעג.

1171 אַ מֶענְשׁ אִיז אוּמֶעטוּם אַ מֶענְשׁ.

1172 אַ מֶענְשׁ אִיז ווִי אַ פְלִיעג.

1173 אַ מֶענְשׁ טָאר זִיךְ נִיט פַאר קֵיין זַאךְ
פֶערְשְׁווֶערֶען.

1174 אַ מֶענְשׁ קֶען אויף זִיךְ מֶעהְר
עֶרְטְרָאגֶען, אֵיידֶער צֶעהְן אָקְסֶען
קֶענְנֶען דֶערְשְׁלֶעפִּין.

1175 אֶמֶת אִיז נָאר בַּיי נָאטט.

1176 אֶמֶת ווַאקְסְט פוּן דֶער עֶרְד הֶערוּיס.

1177 אַ נָאדֶעל קֶענְן מֶען אִין קֵיין זַאק
נִיט בֶּעהַאלְטֶען.

1178 אָן אֵיין אָרֶעמַאנְן קֶען מֶען זִיךְ
לַייכְט פֶערְזִינְדִיגֶען.

1179 אָן אַ סוֹד אִיז קֵיין בְּרָכָה.

1180 אָן אַ קָהלִישֶׁער קְלַאמֶקֶע אִיז זִיךְ גוּט
אָנְצוּהַאלְטֶען.

1181 אָן אַ שְׁלִים־מַזָל ווֶערְט מֶען נִיט רַייךְ.

1182 אָן אַ שְׂרֵרָה פֶערְדִינְט מֶען אַ פוּיֶער.

1183 אָן דִי גְרוֹיֶע הָאר דֶערְקֶענְט מֶען דִי
יָאהְר.

1184 אָן דֶעם אִיז קֵיין בְּרָכָה, ווָאס רֶעדְט
אויף זַיין מִשְׁפָּחָה.

1185 אַ נַארְר אִיז זַיין אֵייגֶענֶער מָסֶר (בַארְף
קֵיין מָסֶר הָאבֶּען).

1186 אַ נַארְר גִיט — אַ קְלוּגֶער נֶעמְט.

1187 אַ נַארְר הָאט אַ שֶׁאן ווַייבּ.

1188 אַ נַארְר הָאט אַ שֶׁאנֶע ווֶעלְט.

1189 אַ נַארְר הָאט לִיעבּ זִיסְס.

1190 אַ נַארְר ווַאקְסְט אָהְן רֶעגֶען.

1191 אַ נַארְר ווֶערְט נִיט אַלְט אוּנ
ווַאסֶער ווֶערְט נִיט זוֹיֶער.

---

1) בעציעהם זיך אויף די לעגענדע פון דעם קייזער טיטוס. (הויז-פריינד)

1192 אַ נאַר זעטצט מען ניט איבער אייער.

1193 אַ נאַר נאַרט מען פון דעם באַד הערוים.

1194 אַ נאַרעשער קאָפּ ווערט קיין מאָל ניט גרוי.

1195 אַ נאַר קען מען ניט אויסגענאַרען.

1196 אַ נאַר שיקט מען פאַראויס.

1197 אַ נגיד האָט פיינט כבוד ווי אַ קאַץ סמעטענע.

1198 אַ נקמה איז אַ גוטער ביססען.

1199 אַ נקמה איז אַ האַלבע נחמה.

1200 אַ נקמה! דער טאַטע האָט די מאַמע געשלאָגען.

1201 אַ סוד איז נאָר אונטער פיער אויגען (אונ אונטער פיער אויערן). 1)

1202 אַ סוד געהט נאָר אין הויזען. 2)

1203 אַ סוחר טאָר קיין הונד ניט זיין, אונ אַ הונד אַ סוחר — געוויס ניט.

1204 אַ סוחר פאָהרט אויף יאַרידים, אַ בעטלער געהט צו פוס.

1205 אַ סך זמירות אונ וועניג לאָקשין.

1206 אַ ספר אָהן אַ הקדמה איז אַ גוף אָהן אַ נשמה.

1207 אַ פאַלשער פריינד איז ערגער ווי אַ הונד.

1208 איין ערב איז אַ דורען (dureń).

1209 אַ פאַרך טאָר קיין ראש-הקהל ניט זיין (אונ אַ סמאַרקאַטער — קיין בעל-קורא).

1210 אַ פאַרך טראָגט אין באָד אויך אַ יאַרמולקע. 3)

1211 אַ פוילישען בן-יחיד זאָל מען לייהען, אַ דייטשען בן-יחיד זאָלל מען פרייען. 4)

1212 אַ פוילען איז גוט צו שיקען נאָך דעם מלאך-המות.

1213 אַ פוילען קענגען טאַטע אונ מאַמע אויך ניט העלפין.

1214 אַ פוילער שליח איז אַ האַלבער נביא.

1215 אַ פוילער שליח צערבייסט נאָר די שיך.

1216 אַ פויער, קאָך איהם זיסס אונ זויער, בלייבט ער אַלץ אַ פויער.

1217 אַ פונד מוז אָבטרעטען דעם פוד.

1218 אַ פערד אויף פיער פיס ספאָטי-קיעט זיך, בפרט אַ מענש אויף איין צונג.

1219 אַ פרומען יודען זאָל מען זוכען צווישען אַלטע הולטאַיעס.

1220 אַ פרנס מעג זיין גרויס ווי אַ האָהן, זיטצט ער פאָרט אויבען אָן.

1221 אַ פרעמדע קאַץ איז איבריג אין שטוב.

1222 אַ פרעמדער ביססען שמעקט זיסס.

1223 אַ פרעמדער נאַר איז אַ געלעכטער אונ איין אייגענער איז אַ שאַנד.

1224 אַ קאַטאָוועס איז אַ האַלבער אמת.

1225 אַ קאַץ וואַשט זיך אונ אַ גוטער

1) אז פ׳עלע מענשען ווייסען א זאך, איז עס שוין קיין סוד ניט. 2) מען ווילל דאמיט זאגין, דאס א סוד האלטען קען נאר איינער וואס טראגט הויזען ד. ה. א מאנספערזאן. 3) ווייל ער ווילל ניט מען זאל דעם פארך הערויסזעהן, זאגט ער אז מען טאר ניט געהען בקלות ראש. 4) ד. ה. מיט א פוילישען זאל מען מאכען געשעפטען אונ א דייטש זאל מען נעמען פאר א חתן פאר דער טאכטער, ווייל ער איז סאליד אונ ארדענטליך.

יוּד בֶּענְשְׁט.

1226 אַ קאַטְץ זָאלל הָאבְּען פְלִיעגֶעל װָאלְט זִי אַלֶע פֵייגֶעלֶעך אִין דֶער לוּפְט אוֹיסְגֶעוָוארְגֶען.

1227 אַ קאַטְץ זָאל מֶען פַאר קֵיין סַארְוָוער נִיט מַאכֶען.

1228 אַ קָאבִין פֶערְטְהֵיילְט זִיךְ נִיט.

1229 אַ קאַרְגֶער גְבִיר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער קַבְּצָן.

1230 אַ קאַרְגֶער לִיעגְט אוֹיף דֶעם גֶעלְד ווִי אַ הוּנְד אוֹיף דֶעם בֵּיין.

1231 אַ קאַרְגֶער צֶעהְרְט (צָאהלְט) אַרְגֶער.

1232 אַ קַבְּצָן אִיז דִי בֶּעסְטֶע שְׁמִירָה.

1233 אַ קָהָל אִיז קֵיין גַזְלָן נִיט; 1)

1734 אַ קִינְד אָהן אַ מַאמֶקע, אִיז ווִי אַ טְהִיר אָהן אַ קְלַיאמֶקע.

1235 אַ קִינְד אָהְן אַ פָאטֶער אִיז אַ הַאלְבֶּער יָתוֹם, אָהְן אַ מוּטֶער — אַ גַאנְצֶער יָתוֹם.

1236 אַ קְלוּגֶער פֶערְשְׁטֶעהְט פוּן אֵיין וָוארְט צְוֵויי.

1237 אַ קְלֵייט אִיז אַ גִילְדֶענֶע קֵייט. 2)

1238 אַ קְלֵיין אֵיי אִיז אוֹיךְ אַ כַּפָּרָה.

1239 אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטֶעל אִיז ווִי אַ לַאמְטֶערְן. 3)

1240 אַ קְלָפִּי אִיז אַ פֶערְקֶעהְרְטֶע פַּאפִּיער־מִיהְל. 4)

1241 אַ קְנוֹיל הָאט אוֹיךְ אֵיין עֶק (ווִיקֶעלְט זִיךְ אוֹיס).

1242 אַ קְרוּמֶע מוּהמֶע - פָארְט אַ מוּהמֶע.

1243 אַ רָב אִיז גוּט אָבְּצוּקְלוֹיבֶּען — אָבֶּער נִיט אָבְּצוּזָאגֶען.

1244 אַ רָב ווָאס קֶען זִינְגֶען אוּנ אַ חַזָן ווָאס קֶען לֶערְנֶען אִיז אִין בֵּיידֶע קֵיינֶע בְּרָכָה.

1245 אַרְבֵּייט אִיז קֵיין שַׁאנְד (בִּפְרַט אִין אַ פְרֶעמְד לַאנְד).

1246 אַ רַבִּים פִיהְרְט שְׁטֶענְדִיג אוֹים.

1247 אַ רֶבִּיצִין הָאט אַ לַאנְגֶע הַאנְד אוּנ אַ קוּרְץ אוֹיעֶר. 5)

1248 אַ רוֹיטְהֶען מוּז מֶען יוּנְגֶערְהֵייט פֶערְשְׁרַייבֶּען. 6)

1249 אַ רוֹיטְהֶער אִיז אַ רַמַאי.

1250 אַ רַייכֶען טַאטֶען אִיז כְּדַאי צוּ בֶּעגְרָאבֶּען.

1251 אַ רֵיינֶער אָרֶעמַאנְן, אִיז אַ שֶׁאנֶער דַלוּת. 7)

1252 אָרֶעם אִיז גְלַייךְ ווִי גֶעשְׁטָארְבֶּען (אָבֶּער רַייךְ אִיז נָאךְ נִיט גֶעלֶעבְּט).

1353 אָרֶעם אִיז נִיט רַייךְ — קְרוּם אִיז נִיט גְלַייךְ.

1254 אָרֶעם אִיז קֵיין שַׁאנְד — אָבֶּער אוֹיךְ קֵיין גְרוֹיסֶער כָּבוֹד נִיט.

1455 אָרֶעם אוּנ פְרֶעהְלִיךְ — לוּסְטִיג אוּנ לֶעבֶּעדִיג.

1256 אָרֶעמֶע לַייט קָאכֶען מִיט ווַאסֶער.

---

1) בעזע צונגען זעטצען צו: אבער א ס ך גזלנים 2) קלייט הייסט אין מאנכען געגענדען אין רוסלאנד א קראם. 3) ד. ה. מען זעהט וואס ביי יעדען מהוט זיך אין שטוב. 4) אין א פאפיער־מיהל לעגט מען העריין שמאטים אונ עס קומט הערויס פאפיער, אונ אין א קלפי לעגט מען העריין פאפיער (צעטטעל) אונ עס קומען הערויס שמאטעס (לומפען). 5) זי נעמט גערן פיעל אונ הערט גערן וועניג. 6) ווייל דאס פאלק זאגט, ראס א רויטהער ד. ה. א מענש מיט רויטהע האר איז קיין גוטער מענש, זא גיבט דאס שפריכווארט איין עצה, מען זאלל איהם יונגערהייט פארשרייבען, דאמיט ער זאל שפעטער, ווענן ער וועט גרוי ווערען, ניט קענען לייגענען אז ער איז קיינמאהל ניט רויטה געוועזן. 7) א ריינער ארעמאנן הייסט ווען מען האט וועניגסטענס קיינע חובות ניט.

1257 ארעמע קרובים זיטצען אונטער דעם אויווען.

1258 ארעמער דאך! וואס קנאקסט דו?

1259 ארעמקייט און פוילקייט זענען צוויי ברידער.

1260 א רענדעל איז קליין — אבער געוויכטיג (טהייער).

1261 א רענדעל הערויף, א רענדעל הערונטער — אבי זיך ניט געדונגען.

1262 א שעמעדיג ווייב איז גוט צו שלאגען.

1273 א שאמעדיגער קען קיין למדן ניט זיין.

1264 א שען ווייב איז א האלבע פרנסה.

1265 א שדכן איז ווי א מוהל.

1266 א שווערער בייטעל מאכט א לייכט געמיטה.

1267 א שוויגער מיט א שנור פאהרען ניט אויף איין פוהר.

1268 א שולדיגער איז ווי א זינדיגער.

1269 א שטאך מאכט א לאך.

1270 א שטיעף — מוטער איז א שטאך — מוטער.

1271 א שטיעף — מוטער גיט דעם שטיעף־קינד דאס ערשטע פון טהעע און דאס לעטצטע פון קאווע. 1)

1272 א שטיעף־מוטטער — גיט שיטטער.

1273 א שידוך איז ווי א לייטער: אז מען שטעלט איהם קרום, קריעכט מען הערויף.

1274 א שידוך זאל מען טהון אין דער היים און א גנבה אין דער פרעמד.

1275 א שידוך (און א שמעק טאבאק) טאר מען ניט אויסשלאגען.

1276 א שכור (א נארר) און א וואגען היי געהט מען אויס דעם וועג.

1277 א שכור זעהט אללעס טאפפעל.

1278 א שכור טרינקט אויס דעם בראנפין פרייטאג ביי טאג און מאכט שבת קידוש איבער א חלה.

1279 א שכור קאן זיך אויסשלאפען, אבער א נארר קאן ניט קליגער ווערען.

1280 א שכן אין שטוב איז ווי א גלעקיל ביי דער טהיר. 2)

1281 א שלאפעריגען, לאזט מען איבער, אבער ניט א הונגע־ריגען.

1282 א שלים־מזלניצע פערלירט די ספאדניצע (Spodnica).

1283 א שלעכט ווייב טרייבט אין דער ערד הערייו.

1284 א שלעכטער חבר איז א גוטער מקבר.

1285 א שלעכטער פורים איז א גוטער שושן פורים. 3)

1286 א שניידערס א ווייב איז קיין אשת־איש.

1287 א שפריכווארט איז א וואהרווארט.

1288 א שקארפעטקע איז ניט קיין בגד.

1289 א שקראב קאן שוין שקראבעדיגער ניט ווערען.

---

1)ביידע זאכען, נעמליך; טהעע ווען ער איז ניט גענוג אנגעצויגען און קאפפע, מיט דעם ביטטערן זאטץ, זענען ניט גוט. 2) ד. ה. וואס דער שכן זעהט און הערט ביים אנדערען, קלינגט דערמיט די גאנצע גאסע. 3) די ארעמע לייט האבען פורים קיינע צייט פרעהליך צו זיין; זיי מוזען געלד צינאויף זאממלען, נאר דער פאר מאבען זיי זיך א שענע סעודה אם שושן פורים.

# ב׳

1290 באדאי (bodaj) זיך איין אויג, אבי יענעם צוויי.

1291 בארגעלע, לאבעלע – צאהלעלע, ווייגעלע. 1)

1292 בוידעם, בוידעם – אוים בוידעם!

1293 בושה טהוט וועה.

1294 בחנם קריעגט מען כנים.

1295 ביזטו משוגע – לאז דיך בינדען.

1296 ביזטו משוגע – שלאג־זשע דיך קאפ אן דער וואנד. נאר לאז אנדערע געמאך.

1297 ביי א גוטער בעל־ביתטע איז פולל דאם פאסם.

1298 ביי איין אביון א צווילינג איז ווי דאם פינפטע ראד אים וואגען.

1299 ביי א נארר זעגען די הענד אונ די צונג איבריג.

1300 ביי א פוילען וואקסט דער וועג אונטער די פים.

1301 ביי א שכור איז בראנפין דער עקר.

1302 ביי דעם אויסקעהרען די שטוב געפינט מען אללעם.

1303 ביי דעם גלאזעל געפינט מען א סך גוטע פריינד.

1304 ביי דעם כהן גדול שטעהט ״כפר בעדו״. 2)

1305 ביי דעם עססען קען מען קוים דעם הונגער פערגעססען.

1306 ביי טאג צום גט – ביי נאכט צום בעטט.

1307 ביי פאטער אונ מוטטער איז קיין קינד ניט איבריג.

1308 ביי קליינע קינדער איז שלעכט צו עססען, ביי גרויסע קינדער איז שלעכט צו געהען. 3)

1309 בין איך אהוהן, מוז איך קרעהען.

1310 בלוט איז ניט קיין וואססער.

1311 במקום שאין איש איז א הערינג אויך פיש.

1312 בעווייזט זיך דער חכם, בעווייזט זיך אויך דער נארר.

1313 בעט א פארך צום מנין ווערט ער ביי זיך גרוים.

1314 בעססער א גוטער שונא, איידער א שלעכטער פריינד.

1315 בעססער איין אויפגעקוממענער גביר, איידער איין אבגעקוממענער עושר.

1316 בעססער איין קוה אין דעם שטאלל,

1) צום בארגען געלד מאכט מען א פריינדליכע מיענע, אבער צום אבגעבען ווערט מען ברוגז. 2) דאם בעווייזט, דאם דער הייליגסטער מענש האט אויך זיינע עבירה׳ליך. 3) ד. ה. פאר קליינע קינדער מוז מען קאכען וואס זיי קענען פערטראגען עס זאל איהנען ניט שאדען; גרויסע קינדער פערלאנגען מלבושים, וואס מען נעמט באדאי פון זיך הערֿאב.

איידער צעהן אין פעלד.

1317 בעססער א מיאוס ווייב פאר זיך, איידער א שאן ווייב פאר אנדערע.

1318 בעססער אנצוקוממען צו „עלינו“ איידער צו דעם בעסטען מענשען.

1319 בעססער א עבודה, איידער א חתונה,

1320 בעססער א פאטש פון א חכם, איידער א קיש פון א נארר.

1321 בעססער א שאדעל. איידער א שאדען. 1)

1322 בעססער א שאנד אין פנים, איידער א קראנק אין בויך.

1323 בעססער א שטיק טרוקען ברויט, איידער צו ליידען נויטה.

1324 בעססער ביי דעם ערגסטען צו האבען, איידער דעם בעסטען שולדיג צו זיין.

1325 בעססער גוט אונ א ביססעל, איידער שלעכט אונ א פוללע שיססעל.

1326 בעססער די תנאים צערייסען, איידער די כתובה.

1327 בעססער דער שונא זאל אין מיר גוטס זעהען, איידער איך אין איהם שלעכטס.

1328 בעססער זיך אנציקעהרען מיט דער רביצען, איידער מיט דעם רב.

1329 בעססער זיך צו ביקען צו דעם קאפ, איידער צו די פיסס.

1330 בעססער זיך צו ווינשען, איידער יענעם צו שעלטען.

1331 בעססער מיט א קליגען אין גיהנם, איידער מיט א נארר אין גן עדן.

1332 בעססער ניט האבין, איידער צו זיין בעגראבען.

1333 בעססער פון א גוטען מענשען דאס ערגסטע איידער פון א שלעכטען מענשען דאס בעסטע.

1334 בעססער פון א גראטש א פאטש, איידער פון א נארר א קוש.

1335 בעססער פריהער בעווארענט, איידער שפעטער בעוויינט.

1336 בעססער פריהר שטארבען צו הויז. איידר אויף דער עלטער אין הקדש. 2)

1337 בעססער צו געבען דעם קינד מיט דער ווארמער האנד, איידער מיט דער קאלטער. 3)

1338 בעססער צוויי מאהל פרעגען, איידער איינמאהל בלאנדזען.

1339 בעססער צו זעהען לייד, איידער צו הערען פרייד. 4)

1340 בעססער צו טוען מיט א היימישען גנב, איידער מיט א פרעמדען רב.

1341 בעססער צעהנמאהל מעסטען אונ איינמאהל אבשניידען. איידער פערקעהרט.

1342 בעססער צעהן שלעססער, איידער א יין דלות.

1343 בעססער שווארץ אונ פעחקע, איידער ווייס אונ ליעפקע.

1344 בעקום דיר נייע פריינד, נאר פערגעס ניט די אלטע.

1345 בעראטה דיך מיט וועם דו ווילסט

1) בעססער א קליינע שאדען ווי א גרויסער. 2) ד. ה. בעססער פערליערן דאס לעבען אין עהרע, איידער עם פערלאנגערן דורך שאנדע. 3) ד. ה. עם איז בעססער צו געבען נדן, איידער איהם צו לאזען ירושה. 4) אזוי זענען מוסטער, וואס וואללען איהרע ציממעריגע קינדער ניט אוועקגעבען אין דער פרעמד, זיי וואללען ליעבער ציזעהען דאס שלעכטע אונ דער היים, איידער צו הערען דאס גוטע אין דער פרעמד.

אונ טְהו מִיט אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל.

1346 בֶּעשֶׁערְט גָאטט אַ סוחֵר שִׁיקְט דֶער רוּחַ אַ מֶעקְלֶער.

1347 בְּרָאנְפֶּען אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער שָׁלִיחַ: מֶען שִׁיקְט אִיהְם אַרָאבּ אוּנְטֶען (אִין בּויךְ) קְרִיכְט עֶר נָאר אַרויף אויבֶען (אִין קָאפּ).

1348 בְּרָאנְפֶּען פֶערְדְרֶעהְט דֶעם קָאפּ — צָרוֹת גֶעמְמֶען אִיהְם נָאר הֶערָאבּ.

1349 בְּרוגְזְ'ע לַייט גֶעהֶען אויף אַ זַייט.

1350 בְּרויט אוּנְטֶערוֶועגְס הַייסְט נִיט קֵיינֶע מַשָׂא טְרָאגֶען.

1351 בְּרֶעךְ אויף אַ זֶעמְמֶעל, שְׁפְּרִינְגְט הֶערוֹיס אַ יוּד. 1)

1352 בֶּעסֶער יוֹאִי (יָא) אֵיידֶער לאָ.

# ג.

1353 גָאטט אִיז אֵיין עֶהרְלִיכֶער בֶּעצָאהלֶער, נָאר אַ קְרִיעכֶער. 2)

1354 גָאטט אִיז אַ פָּאטֶער, אַז עֶר גִיט גִיט קֵיין מַכָּה, גִיט עֶר אַ בְּלָאטֶער.

1355 גָאט אִיז אַ שֶׁאנֶער בַּעל-בַּיִת.

1356 גָאטט אִיז גֶערֶעכְט אוּנ זַיינֶע מִשְׁפָּטִים זֶענֶען גֶערֶעכְט.

1357 גָאטט אִיז דֶער בֶּעסְטֶער דָאקְטָאר.

1358 גָאטט גֶעהְט נִיט אִיבֶּער קֵיין קְלָאטְץ. 3)

1359 גָאטט הָאט גֶעגֶעבֶּען, גָאטט הָאט צוּ-גֶענוּמֶען. 4)

1360 גָאטט הָאט גֶעגֶעבֶּען דֶעם נַארר הֶענְד אוּנ פוּס אוּנ הָאט אִיהְם גֶעלָאזְט לויפֶען.

1361 גָאטט הִיט אָב פַאר אֵיין זָארְג.

1362 גָאטט. הִיט אָב פַאר אַ שֶׁקֶר־בִּלְבּוּל!

1363 גָאטט הֵייסְט אויךְ קֵיין נַארר נִיט זַיין.

1364 גָאטט וַוארְט לַאנְג אוּנ בֶּעצָאהְלְט גוּט (מִיט פְּרָאצֶענְט).

1365 גָאטט וֵוייסְט וָואס עֶר טְהוּט.

1366 גָאטט וֶועט הֶעלְפֶען, וִוי הֶעלְפְט נָאר גָאטט בִּיז גָאטט וָועט הֶעלְפֶען!

1367 גָאטט זָאל אָבְּהִיטֶען פַאר בֶּערְדִיטְשֶׁעוֶוער נְגִידִים אוּנ אוּמַאנֶיער חֲסִידִים, פַאר קָאנְסְטַאנְטִינֶער מְשָׁרְתִים אוּנ פַאר מָאהְלִיוֶוער אַפִּיקוֹרְסִים, פַאר קָאמֶענֶעצְטְצֶער חָאדַאטַאיֶעס אוּנ פַאר אָדֶעסֶער הוּלְטַאיֶעס.

1368 גָאטט זָאל אָבְּהִיטֶען פַאר יוּדִישֶׁער חוּצְפָּה, פוּן יוּדִישֶׁע מַיילֶער אוּנ פוּן יוּדִישֶׁע קָאפּ.

---

1) דאס בעציעהט זיך אויף א אנדער ווערטיל: איין פיינער יונג האט געוואלט עססען אום יום כפור, נאר כדי קיינער זאל ניט זעהען, איז ער אוועק מיט א בולקע אונטערן שטאדט, זיך געשטעלט אויפין פרייען פעלד, אונ נאכדעם ווי ער האט זיך גוט ארום געזעהען אויף אלע זייטען, האט ער אויפגעבראכען די בולקע.. . אבער פון דער בולקע אליין איז ארויסגעשפרונגען א פערבארגענער יודעל אונ א געשריי געטהאן: שייגעץ וואס טהוסט דו. 2) ד. ה. ער בעצאהלט ניט באלד. 3) ער שפרינגט ניט נאר ער טהוט אללעס אויף גלייכעם וועג. 4) ה' נתן. ה' לקח.

1369 גָאטט זָאל אָבְּהִיטֶען צוּ הָאבֶּען אֵיין קִינְד אוּנ אֵיין הֶעמְד.

1370 גָאטט זָאל וָואלְלֶען הֶערֶען דֶעם פַּאסְטוּךְ, וָואלְטֶען אַלֶלֶע שָׁאאף אוים גֶעפֶּגְרְ׳ט.

1371 גָאטט זָאל צוּהֶערֶען דִי נַארְרָאנִים, וָואלְלְט דִי וֶועלְט גֶעהַאט אֵיין אַנְדֶער פָּנִים.

1372 גָאטט לֶעבְּט אויבֶּען אוּנ מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּנְטען.

1373 גָאטט צָאהְלְט נָאךְ דִי מַעֲלוֹת אוּנ שְׁטְרָאפְט נָאךְ דִי חֶסְרוֹנוֹת.

1374 גָאטט שִׁיקְט נִיט אַרָאבּ פוּן אויבֶּען, אַז מֶען לִיעגְט אויף דֶעם אויוֶוען. 1)

1375 גָאלְד הָאט אַ מִיאוּסֶ׳ן טַאטֶען אוּנ אִיז דָאךְ אַ יַחְסָן.

1376 גַאנְץ גוּט — קַאטְשְׁקֶע נָאךְ בֶּעסְסֶער. 2)

1377 גוּט אִיז אַ יוּדֶען אַ טוֹבָה צוּ טְהוּן.

1378 גוּט אִיז צוּ הָאפְּפֶען, שְׁלֶעכְט אִיז צוּ וַוארְטֶען.

1379 גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת הֶערְט מֶען פוּן דֶער וַוייטֶענְס.

1380 גוּטֶע סְחוֹרָה לוֹיבְּט זִיךְ אַלֵיין.

1381 גַנָבִים הָאבֶּען סוֹדוֹת.

1382 גַנְבֶ׳עט מַיין בְּרוּדֶער — הֶענְגְט מֶען דֶעם גַנָב. 3)

1383 גַנְבֶ׳עגֶען אוּנ רַאבֶּעוֶוען זָאל מֶען אוּנ אֵיין עֶהְרְלִיכֶער מַאנְן זָאלל מֶען בְּלַייבֶּען. 4)

1384 גַנְבֶעגֶען אִיז אַ קְלֵיינֶערֶע חֶרְפָּה, ווִי אָבְּגֶעבֶּען.

1385 גֶעבָּארְגְטֶער שֵׂכֶל, טוֹיג נִיט.

1386 גֶעבֶּענְטְשְׁט אִיז דֶער גְרָאשֶׁען, וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁמִיעְרְט מִיט חֵלֶב (חַזִיר).

1387 גֶעה אִיךְ פָּאוָואלִיע, זָאגְט מֶען, אַז אִיךְ קְרִיעֶךְ, גֶעה אִיךְ גֶעשְׁווִינְד, זָאגְט מֶען אַז אִיךְ צֶעבַּיים דִי שִׁיךְ. 5)

1388 גֶעהְן זָאל מֶען נָאר צוּ דֶעם קָאפּ.

1389 גֶעה רֶעד אַז דִי צוּנְג אִיז אִין גָלוּת. 6)

1390 גֶעלְד אִיז אֵיין עֲבוֹדָה־זָרָה, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִיט דָא, אִיז אַ גְרוֹיסֶע צָרָה.

1391 גֶעלְד אִיז קַיילֶעכִיג — אַ מָאהְל אִיז עֶס דָא, אַ מָאל אִיז עֶס דָארְט.

1392 גֶעלְד אִיז שְׁמֶעלְט — אָבֶּער שְׁמֶעלְט אִיז קֵיין גֶעלְד.

1393 גֶעלֶעבְּט ווִי אַ נַארר, גֶעשְׁטָארְבֶּען ווִי אַ נַארר.

1394 גֶענוּטְהַשַׁאפְט, קָאסְט גֶעלְד. 7)

1395 גֶעקְלֶעבְּט אַבִּי גֶעלֶעבְּט. 8)

1396 גֶערֶעדְט אִיז גֶערֶעדְט, אָבֶּער נִיט גֶעטְהוּן.

1397 גֶעשְׁווִינְד אִיז נָאר גוּט פְלֵייא צוּ חַאפֶּען. 9)

1398 גְרֵייט דִיר אָן אִין דֶער יוּגֶענְד, וֶועסְט דוּ הָאבֶּען אויף דֶער עֶלְטֶער.

1) ד. ה. אז מען ארבייט נים (ווארטשפיעל: „אבען" אונד „אפען"ביידע ווערען גלייך אויסגעשפראכען).
2) ווארטשפיעל: גאנץ גוט אונ גאנז איז גוט. 3) מען וויל איהם נים דערקענען פאר קיין ברידער.
4) דאס זאגט מען אויף מענשען וואס גנבענען אונ ראבעווען אונ ווילען גאך ביי דער וועלט הייסען עהרליכע לייט דער מיט, וואס זיי ווארפען ארויס עטליכע רוביל אויף צדקה אדער אויף שטאדט-זאכען.
5) דער פערז איז פון א געוויסעם קלאגעליעד פון א שטיעפטאכטער, וואס קען די שטיעפמוטטער קיין מאל נים צו פריעדען שטעללען. 6) ד. ה. אז מען טאר נים אללעם הערוים־זאגען. 7) ד. ה. ביז מען זאממעלט ערפאהרונג, מוז מען רבי־געלד בעצאלען. 8) זאגען קראנקע לייט וואס מוזען אפט די געזונדהייט לאטען.
9) פון איילעניש קוממט קיין גוטס נים הערוים.

# ד

1399 דאס אויער מעג מען איטליכען געבען, די הענד דעם גוטען פריינד, אבער דאס מויל נאר דעם ווייב. 1)

1400 דאס אנדערע ווייב האט א גאלדען לייב.

1401 דאס ערגסטע לעבען איז בעססער פון דעם בעסטען טויט.

1402 דאס בעסטע מילכדיגעס (אין די 9 טאג) איז דאך א שטיקעל פלייש.

1403 דאס בעסטע פערד, דארף האבען א בייטש און דער קלוגסטער מענטש איין עצה.

1404 דאס גוטע ווערט מען באלד געוואהנט.

1405 דאס גוטע קאן מען ניט אויסברייגגען און דאס שלעכטע נישט איינקארגען.

1406 דאס גיהנם איז ניט אזוי שלעכט ווי דאס קוממען צו־איהם.

1407 דאס גליק אליין העלפט ניט דעם מענשען, ווענן דער מענש העלפט ניט מיט.

1408 דאס האלצעפעלע שווימט פון אויבען. 2)

1409 דאס הארץ איז א האלבער נביא.

1410 דאס הינדעל ווערט מיט דעם שעכטען געוואהנט.

1411 דאס לייכטסטע איז צוגעבען יעגעם איין עצה — דאס שווערסטו זיך אליין.

1412 דאס לעבעדיגע לעגט מען ניט אויף דעם טויטען.

1413 דאס ערשטע ווייב איז ווי א הונד, דאס צווייטע ווייב ווי א קאטץ. 3)

1414 דאס ערשטע ווייב איז פון גאטט, דאס אנדערע איז פון מענשען און דאס דריטטע פון דעם רוח.

1415 דאס פנים זאגט אויס דעם סוד.

1416 דאס צווייטע ווייב איז ווי א מאר־צאווע זיגן.

1417 דאס קלייד האלט עהרליך דעם מענשען.

1418 דאס קערבעל איז דער גרעסטער יחסן.

1419 דאס קערבעל איז ניט קיין ממזר.

1420 דאס רענדעל מעג זיין נאך אזוי רויט, מוז מען עס אב בייטען פאר א ברויט.

1421 דארט איז גוט, וואו מיר זענען ניט דא.

1422 דורך אורחים גיט מען אויס קינדער.

1423 דורך א קאטץ שיקט מען קיין שלוח מנות ניט.

1424 דורך א שלעכט קינד, קוממען די עלטערן צו זינד.

1) ד. ה. אויסהערען זאל מען יעדען, די האנד דריקען דעם גוטען פריינד, אבער קושען נאר די פרוי. 2) דער ערגסטער מאכט זיך מייסטענס גרויס. 3) ד. ה. דאס ערשטע ווייב איז געטריי ווי א הונד און דאס צווייטע איז פאלש ווי א קאטץ.

1425 דורך גְעוֵינְדֶער גִיט מֶען אויס קִינְדֶער

1426 דִי אֲכִילָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע תְּפִלָּה.

1427 דִי בֶּעסְטֶע גֶעפֶּעלֶעךְ זֶענֶען דֶער מַאמִים. 1)

1428 דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז וִוי אַ חָלוֹם.

1429 דִי וַוייבֶּערְס שֵׂכֶל אִיז דָאס צִיהרוּנְג — דִי מֶאנֶנֶערְס צִיהרוּנְג אִיז דֶער שֵׂכֶל.

1430 דִי וֶועלְט אִיז אוֹיךְ אַ וֶועלְט.

1431 דִי וֶועלְט הָאט פַיינְט אֵיין אָרֶעמַאנְן אַ בַּעל גַאוָה.

1432 דִי לִיעבֶּע אִיז זִיס. נָאר זִי אִיז גוּט מִיט בְּרוֹיט.

1433 דִי לֶעטְצְטֶע פָּאאר הוֹיזֶען (אָדֶער דָאס לֶעטְצְטֶע הֶעמְד) זָאל מֶען פֶערְזֶעטְצֶען נָאר רַייךְ (אַ גְבִיר) זָאלל מֶען זַיין.

1434 דִי מְלָאכָה הָאט לִיעבּ אַ טְרוּנְק. 2)

1435 דִינְג דִיר אַ מְשָׁרֵת אוּנ טְהוּ עֶס דִיר אַלֵיין.

1436 דִי נוֹיט מַאכְט דֶעם מֶענְשֶׁען בֶּעסֶער — דָאס גְלִיק מַאכְט אִיהְם שְׁלֶעכְטֶער.

1437 דִי נוֹיט שַׁארְפְט דֶעם שֵׂכֶל.

1438 דִי נְשָׁמָה קֶען מֶען נִיט אוֹיסְשְׁפַּייֶען.

1439 דִי נֶער זֶענֶען טְרַייא, אַז זֵיי זֶענֶען נַיי.

1440 דִי עֶרְגְסְטֶע סְחוֹרָה אִיז „לֹא". 3)

1441 דִי צְוֵוייטֶע קְרֶענְק אִיז עֶרְגֶער פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער.

1442 דִי צִינְג אִיז אָהן בֵּיינֶער.

1443 דִי צוּנְג אִיז נִיט אִין גָלוּת.

1444 דִי צֵייט אִיז דֶער בֶּעסְטֶער דָאקְ־טָאר. 4)

1445 דִי קַאטְץ וַוייסְט וָואס זִי נַאשְׁט.

1446 דִי קִישְׁקֶע הָאט נִיט קֵיין פֶּענְסְטֶער.

1447 דִי קְרוֹבִים דֶערְקֶענְט מֶען אַז זֵיי וֶוערֶען רַייךְ.

1448 דִי שְׁוַואלְבֶּען הָאבֶּען דָאס בֵּית־הַמִקְדָשׁ גֶעלָאשֶׁען. 5)

1449 דִי שְׁמַאלְץ רִינְט אוֹיס אוּנ דָאס גְרִיב בְּלַייבְּט אַגְרוֹב. 6)

1450 דִי תְּפִלָּה גֶעהְט הֶערוֹיף אוּנ דִי בְּרָכָה קוּמְט הֶעראבּ.

1451 „דַלוּת! קָאךְ לָאקְשֶׁען" — „נִיט דָא קֵיין אֵייעֶר!"

1452 דֶעם אָרֶעמַאנְס גֶעבְּרָאטֶענְס שְׁפִּיהרְט מֶען וַוייט, דֶעם עוֹשֶׁרְ'ס טוֹיט הֶערְט מֶען וַוייט.

1453 דֶעם אָרֶעמַאנְן קָאסְט זַיין קוֹלִישׁ טְהֵייעֶרֶער, וִוי דֶעם נָגִיד זַיין יוֹיךְ (זַיין גֶעבְּרָאטֶענְס).

1454 דֶעם יוּדֶען פֶעהְלְט תָּמִיד אַ טָאג. 7)

1455 דֶעם יוּדֶען מַיידְט קֵיין אוּמְגְלִיק נִיט אוֹיס. 8)

1456 דֶעם יַקְרוּת פִיהְלְט נָאר דֶער אָרֶעמַאנְן.

1457 דֶעם נַארר קֶען מֶען קֵיין טְשָׁאלֶענְט־בְּרֶעטֶעל פַאר דֶעם מוֹיל נִיט מַאכֶען. 9)

1458 דֶעם עוֹשֶׁר פַּאסְט אַלֶעס. 10)

1) די בעסטע געפלען זעננען די נאטורליכע ציין, וואס מען בעקומט פון דער מוטטער. 2) בעל מלאכות האבען מייסטענס ליעב א כוסה. 3) ד. ה. אז מען האט גאר קיין סחורה ניט (לא: ניכט). 4) די צייט האלט אללע וואנדען. 5) איינע לעגענדע אז די שפיגען האבען אין בית המקדש העריין פייער געטראגען אונ די שוואלבען האבען דאס פייער געלאשען. 6) אז מען לויבט א געשעפט אונ מען זאגט אז עס איז גאר א שמאלץ־גרוב (ווארטשפיעל: גרוב אונ גריוען פון די גענז). 7) מען מיינט דעם שבת, ווייל ער קאן אם שבת גיט פערדיענען. 8) ד. ה. אללע צרות האבען ניט פערפעהלט דעם יודישען פאלק. 9) ד. ה. מען קענן דעם נארר ניט פערוועהרען נאררישקייט צו זאגען. 10) וועניגסטענס רעדט זיך דער עושר איין אז ער מעג אללעס טהון, מי יאמר לו מה תעשה.

1459 דער אמת האט פיס איז ער אנטלאפען — דער שקר האט ניט קיין פיס איז ער דא געבליבען .

1460 דער אמת טהוט באנג .

1461 דער ארעמאנן איז גערען אז ער בלייבט ביי דעם קרן .

1462 דער ארעמאנן לעגט די ציין אין בייטעל (אין טארבע) הערין (אויף דער פאליצע) . [1]

1463 דער בלינדער האט זיינע אויגען אין די שפיטץ-פינגער . [2]

1464 דער בעסטער פריינד איז דאס קערבעל .

1465 דער גנב ביי דער טהיר איז דער בעסטער שומר .

1466 דער גראשען גילט דארט וואו ער ווערט געשלאגען .

1467 דער גרויסער שוימער ווערט צו לעצט דערטרינקען (אונ דער גרויסער קלעטטערניק ווערט דערהרג'עט) .

1468 דער גרעסטער וועהטעג איז דער , וואס מען קען איהם פאר אנדערע ניט הערוים זאגען .

1469 דער גרעסטער נארר איז פאר זיך קלוג .

1470 דער הונד איז ווערטה דעם שטעקען .

1471 דער הונד איז צו קיין פלאדען ניט געוואהנט .

1472 דער הונד לאזט מיך צו דעם פסוק ניט קומען . [3]

1473 דער וואלף איז זאטט אונ די ציעג איז ניט צו ריססען . [4]

1474 דער וואס האלט די פען אין דער האנד , שרייבט זיך אן א גוט יאהר .

1475 דער וואס וילל גאוה טרייבען , מוז הונגער ליידען .

1476 דער וואס שווייגט , מיינט אויך עפעס .

1477 דער וואס שעמט זיך ניט פאר דער וועלט , האט אויך פאר גאטט ניט קיין מורא .

1478 דער ווייטעסטער וועג , איז צו דער קעשענע .

1479 דער וועלט קאן מען ניט דאס מויל פערשליעסען .

1480 דער זינדיגער מענש מוז אללעם אויסשטעהען .

1481 דער חזיר איז טריפה — אבער דער מקח איז כשר ;

1482 דער חזיר שטעללט דאס כשרה פיססעל הערויס . [5]

1483 דער חכם בויט א שטוב אונ דער נארר צערברעכט זי .

1484 דער חכם שכל'ט זיך אפילו פון דער תליה הערויס .

1485 דער טויט דערלעזט פון אללע צרות .

---

1) וייל ער האט ניט צו עססען , האבען ביי איהם די ציין קיין גרויסע ארבייט . 2) ער מוז מיט די הענד הערומטאפפען . 3) צוויי יודען זענען אויף די דערפער מיט סחורה הערויסגעגאנגען האנדלען , אמאהל האט איינעם פון איהנען אונגעפאללען א גרויסער הונד , דער צווייטער וואס האט פאן ווייטענס געזעהען האט געשריהען : זאגט דעם פס'ק (ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו) האט איהם יענער געענטפערט : דער הונד לאזט מיך צום פסוק ניט קוממען . 4)ביידע פארטייען זענען צו פריעדען . 5) אום צו צייגען אז ער האט געשפאלטענע קלויען . — אזוי שטעללט זיך דער צבוע'ק פאר א צדיק .

1486 דֶער טַעַם לִיעגְט אִין דִי שְׁפִּיטְץ־
פִּינְגֶער. 1)
1487 דֶער יַאבֶּעדְנִיק בְּלַייבְּט אָהן אַ הֶעמְד
(שְׁטַארְבְּט אִין אָסְטְרָאג).
1488 דֶערִיבֶּער גֶעהֶען, דִי גֶענְז בָּארְפִים
(בָּארְוִוים).
1489 דֶער יוד הָאט נָאר גֶעלְד צוּ
פֶּערְלִירֶען, אוּנ צַייט קְרַאנְק צוּ זַיין. 2)
1490 דֶער יוד שְׁלָאגְט – אוּנ שְׁרַייט אַלֵיין
„גֶעוַואלְד״.
1491 דֶער יוד שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דֶער דֵעָה
אוּנ שִׁיסְט מִיט דֶער רְאָיָה.
1492 דֶער יֵצֶר אִיז אַ מֵיצַר.
1493 דֶער יֵצֶר־הָרָע הָאט תָּמִיד דִי מַעֲרָכָה.
1494 דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת הָאט פִּיעל
אוֹיגֶען. 3)
1495 דֶער מְלַמֵד אַרְבֶּעט מִיט דֶעם
טַייטֶעל. דֶער עוֹשֶׁר בַּצָאהְלְט מִיט
דֶעם בַּייטֶעל.
1496 דֶער מֶענְשׁ אִיז אִין זִיךְ אַלֵיין
פַארְנַארְט.
1497 דֶער מֶענְשׁ אִיז דָאךְ נָאר אַ בָּשָׂר
וָדָם.
1498 דֶער מֶענְשׁ אִיז נָאר וִוי אַ סְטָאלְיֶער,
הַיינְט לֶעבְּט עֶר אוּנ מָארְגֶען שְׁטַארְבְּט
עֶר.
1499 דֶער מֶענְשׁ זָאלל נִיט זָארְגֶען,
וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגֶען – לָאז
עֶר לִיעבֶּער דָאס פַארְרֶעכְטֶען. וָואס
עֶר הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט גֶעכְטֶען.
1500 דֶער מֶענְשׁ זִינְדִיגְט, אוּנ דֶער הָאן
וֶוערְט אַ כַּפָּרָה.
1501 דֶער מֶענְשׁ מוּז לֶעבֶּען פַאר
צִיֶעקַאוָואסְט (Ciekawość) וֶועגֶען.
1502 דֶער מִשְׁקָל (מוּשְׂכָּל) רִאשׁוֹן אִיז
אַ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.
1503 דֶער מְשָׁרֵת אִיז אַזוֹי וִוי דֶער הַארר.
1504 דֶער נְדָן גֶעהְט אַ וֶועק אוֹיף שַׁדְכָנוּת.
1505 דֶער סוֹד לִיעגְט אוֹיף דֶער גַאס. 4)
1506 דֶער עוֹשֶׁר הָאט דָאס מַזָל.
1507 דֶער עוֹשֶׁר עֶססְט נִיט קֵיין רֶענְדְלִיךְ
אוּנ דֶער אָרֶעמַאנְן עֶססְט נִיט קֵינֶע
שְׁטֵיינֶער אוּנְטֶער דֶער יוֹיךְ.
1508 דֶער עוֹשֶׁר שְׁלָאפְט אוּנ זַיינֶע רְוָחִים
גֶעהֶען.
1509 דֶער עֲנוּי הַדִין אִיז עֶרְגֶער פוּן דֶעם
דִין אַלֵיין.
1510 דֶער עֶרְגְסְטֶער יַארִיד גִיט מֶעהְר
פַּרְנָסָה, וִוי דֶער בֶּעסְטֶער פְרַיינְד.
1511 דֶער עֶרְגְסְטֶער מָאהְנֶער אִיז דֶער
אֵייגֶענֶער מָאגֶען.
1512 דֶער עֶרְגְסְטֶער שׁוֹחֵט אִיז דֶער בַּעַל־
טַאקְסֶע.
1513 דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעוִוינֶער אִיז דֶער
לֶעטְצְטֶער פֶערְשְׁפִּיעלֶער. 5)
1514 דֶער פָּאטֶער אִיז גֶעטְרַיי. וֶוען דִי
מוּטְטֶער שְׁטֶעהְט דַאבַּיי.
1515 דֶער פוֹילֶער וֶוערְט פְלַייסִיג. וֶוען
אַנְדֶערֶע גֶעהֶען שְׁלָאפֶען.
1516 דֶער פוֹיֶער לִיעגְט מִיט דֶער פוֹיֶערְטֶע
אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אֵיין קִישֶׁען, בִּיז
בֵּיידֶע בֶּעקוּמְמֶען זַיין גֶעוִויסְסֶען.

1) פאן איינעם גוטען עססען זאגט מען אז מען לעקט דאפאן די פינגער. 2) געוועהנליך האט דער יוד קיין געלד אויסצוגעבען, נאר ווען ער מאכט שלעכטע געשעפטען דאנן געפינט זיך ביי איהם געלד צו פערלירען; אויך ציים האט דער יוד קיין מאהל ניט, נאר קראנק צו זיין מוז ער זיך שוין צייט נעהמען. 3) ד.ה. ער זעהט אללע אונ קיינער קאן זיך פאר איהם ניט בעהאלטען. 4) ד. ה. איטליכער קענן איהם. 5) רעגעל ביי דעם קארטענשפיעל.

1517 דער פראצענט עסט אויף דאס קרן.

1518 דעם ציגאנער קומט נאך צעהן (א רעשט) הערוים.

1519 דער קאפ איז דולל, דער בויך איז פולל, דער מאגען ווייסט ניט פון עפעס צו זאגען.

1520 דער קארגער ליגט אויף דעם געלד, ווי א הונד אויף דעם ביין.

1521 דער קלוגער בעהאלט דעם שכל און דער נארר ווייזט הערוים זיין נארישקייט.

1522 דער רב האט דאס רב בנות. 1)

1523 דער ריוח בלייבט קלעבען אן די ראדער. 2)

1524 דער שווערסטער פעלץ איז אום ווינטער גערינג – דאס גערינגסטע העמד איז אום זוממער שווער.

1525 דער שידוך איז אויף איין זייט תמיד פארטיג. 3)

1526 דער שידוך זעהט אוים ווי דער שדכן.

1527 דער שכור איז געשטארבען, דער שענקער איז פערדארבען.

1528 דער שכל איז א קריעכער. 4)

1529 דער שלים-מזלניק האט תמיד פרעטענזיעם צו גאטט. 5)

1530 דער שענסטער כבוד איז, אז מען זיצט אין דער היים.

1531 דער שענסטער שפאציער איז פאר זיין אייגענער טהיר.

1532 דער שענקער האט ליעב דעם שכור, אבער די טאכטער וועט ער איהם ניט געבען.

1533 דער שענקער לעבט פון דעם אויבערשטען. 6)

1534 דריי זאכען וואקסען איבער נאכט: רוחים, הירה-געלד און מיידען.

1535 דריי זאכען טויגען ניט אויף דער וועלט: א פויער א חריף, א רב אין עם-הארץ און איין ארעמער פריץ.

1536 דריי זאכען פאססען ניט, אבער שאדען ניט: אז איין אלטער מאנן נעמט א בתולה, א טרונק בראנפען נאך דעם עססען און אז מען שלאגט דאס ווייב.

1537 דריי טעג איז מען א גאסט – שפעטער ווערט מען צו לאסט.

1538 דריי מאהל געצויגען איז ערגער ווי איינמאהל אבגעברענט. 7)

1539 דריי מענשען אין דער וועלט זינגען פאר צרות: א חזן, א בעטלער און א מארשעליק.

1540 דרעה ניט צו פיעל, ווארום דו וועסט איבערדרעהען.

1) ווארטשפיעל מיט רבנות — דאס שפריכווארט מיינט א רב וואס האט א סך טעכטער וואס קהל מוז זיי פערזארגען. 2) ווען מען מאכט א ווייטע רייזע וועגען א קליינעם פערדינסט. 3) ד. ה. איין צד וויל תמיד דעם שידוך. 4) ד. ה. ער געהט לאנגזאם און קוממט תמיד צו שפעט. 5) ווייל אליין קאן ער ניט ארבייטען, מיינט ער, אז גאטט כ'וז אללעס פאר איהם טהון. 6) דא מיינט מען דאס אויבערשטע פון דעם ביער אדער בראנפען, וואס דער שענקער פערגעסט אנצוגיעסען אין דעם גלעזעל הערייז און גיט דער פאר שוים, דאס שפריכווארט זאגט אז פון דעם אויבערשטען לעבט דער שענקער ד. ה. דאס איז זיין פרנסה וואס אין איטליכען גלעזעל דערפעהלט א ביסעל. 7) דאס אויבערצ'עהען פון אין וואהנונג אין די אנדערע מאכט שטענדיג פיעל שאדען.

## ה

1341 הָאדֶעוֶוע אַ וָואלְף ווִי לַאנְג קוּקְט עֶר אַלְלֶעס אִין וַואלְד הֶערַיין.

1542 הָאוֹחֵז בְּיַד אִיז דִי בֶּעסְטֶע תְּפִלָּה.

1543 הָאוֹחֵז בְּיַד שְׁטֶעהְט גְרוֹיס גֶעשְׁרִיבֶּען.

1544 הָאוֹחֵז בְּיַד – שָׁלוֹם בֶּקֶעשִׁינֶע.

1545 הָאט יֶענֶער דִי נְשָׁמָה – הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעלְד.

1546 חָאט מֶען עֶס נִיט שֶׁעפְּפֶעלְדִיג, הָאט מֶען עֶס לֶעפְּפֶעלְדִיג.

1547 הַאלְט דִיר דֶעם כָּבוֹד אוּנ בְּלַייבּ אִין דֶער הֵיים.

1548 „הַאמָאנְיַא״. אִיז נֶעטְהִינֶער ווִי ווִי אַ קַאפָּאטְקֶעלֶע. 1)

1549 הָאסְט מוֹרָא? לֵייג דִיךְ אִין בֶּעטט הֶערַיין.

1550 הָאסְט מוֹרָא? – לֵייעֶן־זָשֶׁע קְרִיאַת־שְׁמַע.

1551 הָארֶעוֶוע מֵיידֶעלֶע, וֶועסְט דוּ הָאבֶּען אַ קְלֵיידֶעלֶע.

1552 הַארְרֶען אוּנ הָאפְּפֶען הָאט שׁוֹין אַ מָאהְל גֶעטְרָאפֶּען.

1553 הוּנְגֶער קֶען נִיט קֵיין גֶעבָּאט.

1554 הוּנְד בִּילְלֶען! – מְחוּתָּנִים פָּאהְרֶען.

1555 הוּנְדֶערְט אוּנ הוּנְדֶערְט אוּנ אֵיינְס אִיז אַלְלֶעס אֵיינְס.

1556 הֶזֵיק פוּן דֶער הַאנְד אִיז אוֹיךְ אַ רֵיוַח.

1557 הִיטֶען זָאל מֶען זִיךְ פַאר דִי פְרֵיינְד, נִיט פַאר דִי פֵיינְד.

1558 הַכֹּל הֶבֶל – אוּנ גֶעהֶעלְט מוּז דָאךְ וֶוערֶען.

1559 הַמַּבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל – וֶוער עֶס הָאט גֶעלְד, דֶעם אִיז וואוֹיל.

1560 „הֶעטט אִיךְ״ „אוּנ פֶּעטֶעךְ״ גֶעבֶּען קֵיין מֶכֶם.

1561 „הֶעטט אִיךְ״ אִיז אַ „פֶּעטֶעךְ״ – הָאבּ אִיךְ אִיז אַ גְרוּנְד. 2)

1562 הֶענְג אִיךְ בַּיי דֶעם קָאפּ, הֶענְג אִיךְ בַּיי דִי פִּים.

1563 הֶענְגְט מֶען אוֹיף אֵיין פוּס, זָאלל מֶען שׁוֹין אוֹיפְהֶענְגֶען אוֹיף בֵּיידֶע.

## ו

1564 וואהְלְטֶעג דְרִיקְט אוֹיךְ אַ מָאהל דָאס הַארְץ אָב.

1665 וואוּ אַ „וַיְהִי״ אִיז אַ צָרָה אוֹיף יוּדֶען.

1566 וואוּ דֶער דַלּוּת קְלֶעבְּט זִיךְ אָן קָאן

1) „האמאניא״ הייסט ביי די קינדער עססען, אז מען מאכט איינעם פארווירפע, פאר וואס ער בראנט נים קיין בעססערן אונ ריינערן ראק זאגט ער אז עססען איז נעטהיגער. 2) ווען יעמאנד זאגט „העטט־איך״ אדער „וואלט איך״.

מען איהם ניט אזוי באלד פטור ווערען.

1567 וואו דער ציגיינער שטעהט איין, דארט ריהרט ער ניט.

1568 וואו האט א הונד א הויז?

1569 וואו הינד ביללען, דארט איז אמושב.

1570 וואו זעקס ווערען זאטט, האט דער זיבעטער גענוג.

1571 וואו ליעבשאפט דארט איז קיין ענגשאפט. 1)

1572 וואו מען ווארפט א שטיין, דארט איז ער דא.

1573 וואו מען דארף האבען צוקער, טויג ניט קיין זאלץ.

1574 וואו מען האט געלד פערלוירען, דארט מוז מען עס אבזוכען.

1575 וואו מען זעהט איהם ניט, דארט וואקסט ער.

1576 וואו עס איז איבריג, דארט פעהלט. 2)

1577 וואו עס איז דא פלייש און פיש, דארט איז א פרעהליכער טיש.

1578 וואו עס זעננען דא פיעל קעכענס, דארט איז דאס עססען רוי.

1579 וואו עס פאלט א שטיין, טרעפפט ער מיך אליין.

1580 וואו עס שטעהט ניט, דארט זאגט מען ניט.

1581 וואו צוויי, איז ער דער דריטטער.

1582 וואו צוויי עססען פון איין שיססעל, קאן זיך א דריטטער אנעססען א ביססעל.

1583 וואו שלום, דארט איז ברכה.

1584 וואלוועל פלייש עססען די הונד.

1585 וואס א גראבער בויך קאסט, וואלט איך געוואלט פערמאגען – וואס ער איז ווערטה, זאללען מיינע שונאים פערמאגען.

1586 וואס איך וויים ניט, האב איך ניט צו זאגען.

1587 וואס איך ניט וויים, מאכט מיר ניט הייס.

1588 וואס איין קלאפ מאכט ניט, מאכט דער צווייטער.

1589 וואס ביי אמענשען איז שווער איז ביי גאטט גרינג.

1590 וואס גאטט טהוט בעשערען, קאן דער מענש ניט פערוועהרען.

1591 וואס דו זעהסט ניט מיט דיינע אויגען, פערזיכער ניט מיט דעם מויל.

1592 וואס די ערד דעקט צו, מוז פערגעססען ווערען.

1593 וואס דער טויבער דערהערט ניט, דאס טראכט ער זיך אוים.

1594 וואס דער שכור האט אין קעפעל, האט דער ניכטערנער ניט אין פלעשעל.

1595 וואס דריי וויי‌סען, איז קיין סוד ניט.

1596 וואס האט צו דעם פנים וואס אין דעם הארצען טהוט זיך.

1597 וואס הערט זיך אין ים? – מען חאפט פיש.

1) שיללער זאגט אויך: Raum ist in der kleinsten Hütte für ein zärtlich liebend Paar

2) זאגט מען אז די קאססע שטיממט ניט, בעזאנדערס אז עס איז אין איהר מעהר געלד ווי עס דארף צו זיין.

1598 וואס וואלט דער בלינדער געהאט צו קלאגען, ווען ער וואלט דעם וועג געזעהען?

1599 וואס ווענינער מען רעדט, איז אלץ געזינדער.

1600 וואס טויג די חכמה, ווען דאס נארישקייט גילט!

1601 וואס טויג מיר נירנבארג, ווען איך האב דארט קיין הויז? 1)

1602 וואס טיעפער מען בוקט זיך „מודים" וואס ווייטער געהט מען „עשה שלום" צו ריק.

1603 וואס יורש'נען יודען? – צרות און מערידען. 2)

1604 וואס מיאוסער דאס שטיק, וואס גרעססער דאס גליק. 3)

1605 וואס מעהר קבצן, מעהר הוליאק, וואס מעהר נגיד, מעהר סווינניאק.

1606 וואס מען גרייט זיך ניט אן אויף דער וועלט, דאס נעמט מען ניט מיט אויף יענער וועלט.

1607 וואס מען זעהט ניט נייערהייט אין דעם קאסטען, זעהט מען אלטערהייט אין סמיעטניק (Smietnik).

1608 וואס מען קאן ניט דערלאנגען, זאל מען ניט פערלאנגען.

1609 וואס מען קאן ניט לייגנען פאר גאטט, קאן מען ניט לייגנען פאר לייט.

1610 וואס מען קלעבט דעם נארר אן, איז פערפאללען.

1611 וואס מען רעדט ביי טאג דאס חלומ'ט זיך ביי נאכט.

1612 וואס נייע איז געטריי – וואס אלט איז קאלט.

1613 וואס ניטצט א יונג מיט שפארען, ווען ער קאן ניט רייטען? (אז ער האט קיין פערד ניט).

1614 וואס נוטצט מזל אהן ברכה?

1615 וואס פאר א נאמען אזא פנים.

1616 וואס פערפאלען, זאל ניט באנג טהון.

1617 וואס צו ליעב איז שטענדיג טהייער.

1618 וואס קאן מען פון אן־אקס מעהר פערלאנגען ווי אקסענפלייש.

1619 וואס קומט הערוים פון דעם זילבערנען בעכער, אז ער איז פולל מיט טהרערען?

1620 וואס קומט הערוים פון דעם שאנעם עפפעלע, אז עס האט א ווערעמדיג הערצעלע?

1621 וואס קומט מיר הערוים פון מיין פוילישע רעדען, אז מען לאזט מיך אין דעם הויף ניט הערייז.

1622 וואס רייכער מען ווערט, וואס קארגער מען איז.

1623 וואס שווערער מען נעמט זיך פיר, וואס לייכטער העלפט גאטט.

1624 ווי א הונד קאן קיין קצב ניט זיין, אזוי קאן א בחור קיין שדכן ניט זיין. 4)

1625 ווי אזוי דער חזן זינגט, קריעגט ער אלץ אין טאטען הערייז. 5)

1) דאס שפריכווארט האב איך געהערט אין גאליציען; אויך איהם דייטשען איז דא זא איין ש"וו: Was geht mich Nürnberg an, ich habe kein Haus darin. 2) די קראנקהייט העמערראידען. 3) ד. ה. וואס מיאוסער דאס מיידעל, בעקומט זי אלץ א בעססערן חתן. 4) ווארין זי וואלטען די גאנצע סחורה פאר זיך אליין בעדארפט. 5) זינגט ער גוט, זאגט מען: אך א רוח אין זיין טאטען! זינגט ער זינגט ער שלעכט, פערדיענט ער דאך געוויס אין טאטען הערײן.

1626 ווי דאס ווייב איז א מלכה, אזוי איז דער מאנן א מלך. 1)

1627 ווי די דרשה, אזוי איז די בקשה.

1628 ווי די טויטע עססען, אזא פנים האבין זיי.

1629 ווי דעם קלוגען איז ביטטער, איז דעם נארר אלץ פרעהליך.

1630 ווי דער בעל־עגלה וויל, אזוי דרעהט ער מיט דעם דישעל.

1631 ווי דער ברוך הבא אזוי איז דער ברשותכם.

1632 ווי זאלל דאס שעפעלע רוהיג עססען, ווען דער וואלף שטעהט דערביי?

1633 ווי מען איז געוואהנט אין דער יוגענד, אזוי טהוט מען אויף דער עלטער.

1634 ווי מען איז צו זיעבען יאהר, אזוי איז מען צו זיעבעציג.

1635 ווי מען בלאזט הערין, אזוי בלאזט זיך הערויס.

1636 ווי מען וויעגט איין, אזוי שלאפט מען.

1637 ווי מען זיטצט אויף דעם וועגעלע, אזוי זינגט מען דאס ניגעלע. 2)

1638 ווי מען יונגערהייט זיך האלט, אזוי ווערט מען אלט. 3)

1639 ווי מען שטעלט זיך, אזוי שטעהט מען.

1640 ווי מען שטעללט זיך דעם שטייגער, אזוי געהט דער זייגער.

1641 ווי מען שפיעלט, אזוי טאנצט מען.

1642 ווייבער האבען דריי זעטץ: איין איינזאטץ, איין אבזאטץ און איין אויפזאטץ. 4)

1643 ווייבער פיהרען צו דעם גוטען, אדער צו דעם בעזען (סיי ווי סיי פערפיהרען זיי). 5)

1644 ונתנו מאכט צו ריק אויך ונתנו. 5)

1645 וועה דעם וואס ער איז גערעכט!

1646 וועה דעם ווייבעל וואס קומט אהיים צו דעם פאטער אין הייבעל. 6)

1647 וועמען גאטט האט אנגעצייכענט, אן דעם איז קיין ברכה.

1648 וועמען עס איז צו ענג, דער זאלל אבטרעטען.

1649 וועמען צו ברויט — וועמען צום טויט. 7)

1650 וועניגער א ווארט — אבי איין אמת.

1651 ווענן א בעזע בעל־ביתטע לעגט איין קרויט אונ שטעלט בארשט, ווערען ביידע זויער 8)

1652 ווענן איז ביי א הונד יום־טוב? ווען מען צוברעכט איהם א פוס. 9)

1653 ווענן איין אלטער מאנן נעמט א בתולה, האבען ביידע סיינע גרויסע גדולה.

1654 ווענן איין בלינדער פיהרט דעם דעם אנדערן, פאללען ביידע אין גרוב הערײן.

1655 ווענן אן עושר איז פערדארבען אין

1) פסח. 2) אבגעקירצט פאן ניגון. 3) ד. ה. אז מען איז אין דער יוגענד סאליד געוועזען, איז מען אויף דער עלטער געזונד. 4) דיא דריי „זעטץ" זעננען נעטהיג צו דער טואלעטטע. 5) ד. ה. אז איינער טהוט דעם אנדערן גוטס, קאן ער פון יענעם אויך אמאהל א טובה פערלאנגען. 6) ד. ה. אז זי מוז אוועגלויפען צו די עלטערן פאר דעם מאנן. 7) אום ראש השנה ווערט איטליכען אונגעשריעבען זיין קוויטעל. 8) זאגט מען אין קאטאוועס אויף א בעז ווייב „קרויט אונ בארשט מוזען דאך זויער ווערען. 9) האט דער הונד „שלש רגלים".

אַיין אָרֶעם־מאַנְן הָאט עֶרְוַוארְבֶּען — אִיז נָאךְ נִיט גְלַייךְ.

1656 וֶוענְן אֵיינֶעם אִיז בֶּעשֶׁערְט אַ שְׁלִים־מַזָל, קוּמְט עֶס אַהֵיים (אִין שְׁטוּבּ הֶערֵיין).

1657 וֶוענְן אֵיינֶער רַאטְה דִיר, הֶער; נָאר פַאר דִיר בֶּעקְלֶעהַר.

1658 וֶוענְן אֵלִיָהוּ־הַנָבִיא אִיז דֶער בַּעַל־עֲגָלָה, פָאהְרְט מֶען גוּט.

1659 וֶוענְן אַלֶע מֶענְשֶׁען זָאלְלֶען צִיהֶען אוֹיף אֵיין זַייט, וָואלְלט זִיךְ דִי וֶועלְט אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט.

1660 וֶוענְן אַ סוֹד זָאלל זַיין אַ בְּרָכָה, וָואלְט מֶען דִי תּוֹכָחָה נִיט אֵיינְגֶערוֹימְט.

1661 וֶוענְן אַ פְלִיעג שְׁטֶעלְלט זִיךְ אוֹיף אַ וֶועקְסִיל אִיז אוֹיךְ גוּט. 1)

1662 וֶוענְן בֵּייזֶערְט זִיךְ נִיט דֶער שְׁנַיידֶער אוֹיף דֶעם שְׁטִיקֶעל אַרְבֵּייט? — וֶוענְן מֶען נֶעהְמְט אִיהְם תַּכְרִיכִים.

1663 וֶוענְן דָאס מוֹיל זָאלל נִיט בְּרוֹיכֶען צוּ עֶסְסֶען, וָואלְט דֶער קָאפּ אִין גָאלְד גֶעגַאנְגֶען.

1664 וֶוענְן דָאס מַזָל קוּמְט, זֶעטְץ אִיהְם אוֹיף אַ שְׁטוּהְל.

1665 וֶוענְן דִי גַנָבִים קְרִיגֶען זִיךְ, קוּמְט דֶער פוֹיעֶר צוּ זַיין קוּה.

1666 וֶוענְן דוּ וֶועסְט דִי וֶועלְט בֶּערֶעדֶען, וֶועט דִי וֶועלְט דִיךְ גוּט בֶּעקְלֵיידֶען.

1667 וֶוענְן דִי עוֹשְׁרִים קְרֶענְקֶען, טְהוּעֶן זֵיי דִי אָרְמֶע לַייט גֶעדֶענְקֶען. 2)

1668 וֶוען דֶער בַּעַל־תְּקִיעָה קָאן נִיט בְּלָאזֶען, לֶעגְט זִיךְ דֶער שָׂטָן אִין דֶעם שׁוֹפָר.

1669 וֶוענְן דֶער זָאלל דֶעם עָגְוֶועקְווירֶען, קֶענֶנְעֶן דִי אַנְדֶערֶע פְרִיהְרֶען.

1670 וֶוענְן דֶער יוּד פַייפְט אוּנ דֶער פָּרִיץ קְרַאצְט זִיךְ הִינְטֶער דֶעם אוֹיעֶר — אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער סִימָן.

1671 וֶוענְן דֶער נַארר וָואלְט נִיט גֶעוֶועזֶען מַיין, הֶעטְט אִיךְ אוֹיךְ גֶעלַאכְט.

1672 וֶוענְן דֶער רָשָׁע קוּקְט אִין וַואסְסֶער הֶערֵיין, פֶּגְרִין דִי פִישׁ.

1673 וֶוען דֶער שֶׁעפְּס הֶערְט „מָעוֹז צוּרִי" זִינְגֶען אוּנ דָאס קַאלְבּ „אַקְדָמוּת" זָאגֶען, מֶעג מֶען זֵייעֶר פְלֵייש אַוֶועקְטְרָאגֶען.

1674 וֶוענְן דֶער שְׁטֵיין לִיעגְט אוֹיף אֵיין אָרְט, וֶוערְט עֶר אוֹיךְ בֶּעוַואקְסִין מִיט גְרָאז.

1675 וֶוען וֶוערְט פוּן אַמֵיידֶעל אַ וַוייבֶּעל? אַז מֶען טְהוּט אִיהר אָן אַ הַייבֶּעל.

1676 וֶוען זִי הֵייסְט הֶענְדֶעל (גֶענֶענְדֶעל) מֶעג מֶען עֶסְסֶען פוּן אִיהְר פֶּענְדֶעל. (אָדֶער: וֶוען עֶר הֵייסְט מֶענְדֶעל א. ז. ו.

1677 וֶוען חָתָן־כַּלָה קוּשֶׁען זִיךְ שׁוֹין, מֶעגֶען דִיא שַׁדְכָנִים אַהֵיים גֶעהְעֶן.

1678 וֶוענְן מֶען טְהוּט אַ שִׁידוּךְ זָאלל מֶען קוּקֶען אוֹיף דֶער כַּלָהים קְנִי. 3)

1679 וֶוענְן מֶען עֶסְט, רֶעדְט מֶען נִיט.

1680 וֶוענְן מֶען פָּאהְרְט, וֵוייסְט מֶען, אָבֶּער וֶוענְן מֶען קוּמְט צוּרִיק, וֵוייסְט מֶען נִיט.

1681 וֶוענְן מֶען שְׁלָאגְט, קָאכְט מֶען

---

1) ד. ה. איטליכע אונטערשריפט אויף א וועקסעל —- אפילו פון א קבצן קאן אויך ניט שאדען.
2) ד. ה. זיי געבען פיעל צדקה. 3) „קני" זעננען די ראשי תובות פון קרן, נדן, יחוס, דאס זעננען די דריי גרעסטע מעלות ביי א כלה.

קְרֶעפְּלֶעךְ . 1)

1682 וֶוענְן מֶען שֶׁערְט דיא שֶׁעפֶּסֶען, פְּרֵייעֶן זִיךְ דיא צִיגֶען . 2)

1683 וֶוענְן עֶלְטֶערְן זֶעְנֶען נַארְרָאנִים וֶוערֶען די קִינְדֶער גַזְלָנִים . 3)

1684 וֶוענְן עֶס גֶעהְט דִיא סֶדְרָה „קֹרַח" קוּמְמט אוֹיף קַארְשֶׁען , רֶעטֶעךְ , חְרֵיין . 4)

1685 וֶוענְן עֶס קוּמְט אוֹיף קָהָל אַ מַכָּה קוּמְט אוֹיף דֶעם יָחִיד אַ בְּלָאטֶטערְל .

6186 וֶוענְן צַדִיקִים וַואנְדֶערִין , רֶעגֶענְט עֶס .

1687 וֶוענְן צְווֵיי מֵתִים גֶעהֶען טַאנְצֶען, וֶוער וַוארְפְט אִין שַׁבָּת (אִין צִימְבֶּעל) הֶערֵיין . 5)

1688 וֶוער אִין גָאטט נִיט גְלוֹיבְּט, זָאלל בֶּעקוּמְמֶען אַ פְרוּם וַוייבּ ;

1689 וֶוער עֶס אִיז אִין דֶער יוּגֶענְד אַ זוֹלֵל וְסוֹבֵא , וֶוערְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אַ קְרַאנְקֶער בֶּעטְלֶער .

1690 וֶוער עֶס אִיז אַ קִינְד צוּ צְוַואנְצִיג יָאהְר , דֶער בְּלַייבְּט אַ שׁוֹטֶה בִּיז הוּנְדֶערְט יָאהר .

1691 וֶוער עֶס אִיז גֶעבּוֹירֶען אוֹיף גְרָאחָא־וִוינֶע (grochowina) אוּנ אִיז גֶעווִיקֶעלְט מִיט אַ פְלַאכְטֶע (płachta) , גֶעהֶער נִיט צוּ דֶער שְׁלַאכְטֶע . (szlachta)

1692 וֶוער עֶס אִיז פוּן גֶעמֶערָאוו . אִיז נִיט פוּן גֶעבֶּערָאוו . 6)

1693 וֶוער עֶס בּוֹיעֶט אוּנ וֶוער עֶס וואָהוֹינְט . 7)

1694 וֶוער עֶס בְּרוֹיכְט נִיט צוּ בָּארְגֶען , דֶער לֶעבְּט אָהן זָארְגֶען .

1695 וֶוער עֶס גֵיט נִיט צוּ קָהָל , דֶער הָאט נִיט מִיט צוּרֶעדֶען בַּיי קָהָל .

1696 וֶוער עֶס גִיט נִיט צוּ שְׁטַייֶער, טָאר גִיט אִין דֶער קַאשֶׁע הֶערֵיינְשְׁפַּייֶען.

1697 וֶוער עֶס גִיט נִיט קֵיין סְכוּם , דֶער הָאט קֵיינֶע דֵעָה נִיט .

1698 וֶוער עֶס הָאט אַלֵיין קֵיין כָּבוֹד נִיט , קָאן אַנְדֶערֶע קֵיין כָּבוֹד נִיט אָבְּגֶעבֶּען.

1699 וֶוער עֶס הָאט אַ שֵׁם פַאר אַ פְרִיהֶען אוֹיפְשְׁטֶעהֶער , דֶער מֶעג בִּיז זֵייגֶער צְוֶועלְף אִין בֶּעטט לִיעגֶען בְּלַייבֶּען ,

1700 וֶוער עֶס הָאט דִי מַטְבֵּעַה , הָאט אוֹיךְ דִי דֵעָה .

1701 וֶוער עֶס הָאט מֵיידֶלֶעךְ הָאט דִי פִּים גֶעשְׁווָאלִין ; וֶוער עֶס הָאט זֶאהן , הָאט דִיא פִּים אוֹיף דֶעם שְׁטָאלְלֶען . 8)

1702 וֶוער עֶס הָאט פוּטֶער אוֹיף דֶעם קָאפּ , טָאר אוֹיף דֶער זָאנְן נִיט גֶעהֶען.

1703 וֶוער עֶס וִוילל הָאבֶּען רַחֲמָנוּת פַאר זִיךְ , מוּז הָאבֶּען רַחֲמָנוּת פַאר אַנְדֶערֶע .

1704 וֶוער עֶס וֶוערְט אוּמְזוּסְט בְּרוֹגֶז וֶוערְט וִוידֶער אוּמְזוּסְט גוּט .

---

1) קרעפלעך עסט מען ווענן מען שלאגט המן , מלקות אונ הושענות . דאס פיערטע מאהל — זאגט דאס פאלק — אז מען שלאגט דאס ווייב . 2) זי פרייען זיך וואס זי האבען קיין וואלל ניט , פערשפארט מען זי צו שערען . 3) זוענן די קינדער ווערען ניט גוט ערצויגען , געהען זי אויס לתרבות רעה . 4) דיא ר"ת פון קרח . 5) דיא כלי־זמר רופען דעם צימבעל „שבת" ר"ת פון שמש , בדחן , סארווער . 6) דאס שפריכווארט הערט מען נור אין פוילען, אז מען איז ניט פון דער אריסטאקראטיע, צעהלט מען ניט צו איהר . 7) ד. ה. ווער עס נעמט , דער גיט ניט . — געמעראוו איז א שטעדטיל אין פאדאליער גובערניע . 8) ד. ה. איינער בוים א הויז אין אנדערער גאר בעוואהנט עס .

1705 ווער עס זיטצט ניט ביי דער
שיסעל, דער עסט ניט מיט.

1706 ווער עס טראגט צו מיר טראגט
אויך פון מיר.

1707 ווער עס ליגט אויף דעם אויבען,
קריעגט ניט קיין בייגעל. 1)

1708 ווער עס לעגט זיך מיט א הונד
שלאפען, שטעהט אויף מיט פליי.

1709 ווער עס עסט לאנג קוגעל, לעבט
לאנג. 2)

1710 ווער עס עסט קיין חריין, בעקומט
קיינע אייער. 3)

1711 ווער עס עסט קיין קנאבעל ניט,
דעם שטינקט ניט פון מויל;

1712 ווער עס פרעגט פיעל, דעם ענפערט
מען פיעל.

1713 ווער עס צו רייסט פיעל, מוז פיעל
לאטטען.

1714 ווער עס קאן גוט זינגען, מוז אויך
גוט שלינגען.

1715 ווער עס קאן ניט א סחורה איבער-
האלטען א יאהר מיט אמיטטוואך,
דער קאן קיין סוחר ניט זיין. 4)

1716 ווער עס קאן ניט קיין פאטש פער-
טראגין, קאן אויך קיין געלד ניט
פערדיענען.

1717 ווער עס קוממט ניט צו מיר, קומט
ניט צו מיר. 5)

1718 ווער עס רופט זיך אן, דער קריעגט
ניט.

1719 ווער עס שוינט יענעמס כבוד
שוינט זיין אייגענעם כבוד.

1720 ווער עס שוינט ניט דעם נראשען,
איז אליין ניט ווערטה איין גראשען.

# ז

1721 זאג דעם ווייב א סוד אונ שנייד
איהר אויס דיא צונג.

1722 זאג ניט „האטץ!" ביז דוא ביסט ניט
העריבער געשפרונגין דעם קלאטץ.

1723 זאג ניט „האפ!" בים דוא ביסט ניט
העריבער געשפרונגין.

1724 זאלבט קושען דאס בייטשעל
(קאנטשיק) וואס עס שלאגט דיך.

1725 זיי א מענש, וועסט דוא זיטצען אין
דער סוכה.

1726 זייט דאס בית־המקדש איז חרוב
געווארען, קאן קיין שמחה ניט פאר
פולל זיין.

1727 זייט דאס שטארבין איז אויפגעקומען,
איז מען מיט דעם לעבען ניט זיכער.

1728 זיין ווארט זאל זיין א בריק, וואלט

1) אויוועקן צום איינהייצען. 2) שערצהאפט, ווייל אז מען עססט לאנג קוגעל לעבט מען לאנג. 3) פסח ביים סדר, ווער עס וויל ניט דאס ביטטערע, בעקומט ניט דאס גוטע. 4) קיין סחורה מאר ניט באלד נמאס ווערען. 5) ד. ה. ווי באלד ער קומט ניט צו מיר, איז ער געוויס ניט מיין גלייכין אדער ער איז גרעסער אדער נידעריגער פון מיר (קומט ניט צו מיר — ניט גלייך צו מיר).

אִיךְ מוֹרָא גֶעהַאט הֶערִיבֶּער – צוּ
גֶעהֶען ׃

1729 זִיעבֶּען אִיז אַ לִיגֶען ׃
1730 זִיעבְּצֶעהֶן אִיז כְּמִנְיָן ,טוֹבִי׳ ׃

# ח

1731 חוֹרֶש מַאכְט קֵיין רְשָׁעוֹת ׃
1732 ,חַזֶר אִיבֶּער׳ – אִיז טְרֵיפָה ׃ 1)
1733 חַזִיר ! הָאסְט גֶעלְד ? – זֵיי מַיין מְחוּתָּן ׃
1734 חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט הָאבֶּען דִי יוּנְגְלֶעךְ דָאס נַאכְטְגֶעהֶען זַאטט ׃ 2)
1735 חֵן אִיז גוּט פַאר דִיא צֵיין ; יוֹיךְ אִיז גוּט פַאר דֶעם בּוֹיךְ ׃
1736 חֲנוּכָּה אוּנ פּוּרִים וֶוערֶען דִיא אָרֶעמֶע לַייט עוֹשִׁירִים ׃
1737 חֲרָטָה הָאבֶּען אִיז נִיט מַעֲשֶׂה סוֹחֵר (...אִיז נִיט סוֹחֵרִיישׁ) ׃
1738 חֲתוּנָה הָאבִּין, צִי קְנֶעלְלֶען צִי שְׁטַארְבֶּען פֶערְזוּימְט מֶען נִיט ׃
1739 חָתָן־כַּלָּה הָאבֶּען גְלֶעזֶערְנֶע אוֹיגֶען ׃

# ט

1740 טַאטֶע אוּנ מַאמֶעס זִינְד קוּמְט אָבּ דָאס קִינְד ׃
1741 טָאפְּפֶּעל אִיז שְׁפּוּרֶעבְדִיג ׃
1742 טֵבֵת אוּנ שְׁבַט הַאלְטֶען דֶעם פְּרַט ׃
1743 טְהוּ דִיר הֶערַיין שְׁמַאלְץ אִין דֶעם טָאפּ אוּנ פּוּטְטֶער אוֹיף דֶעם קָאפּ ׃
1744 טְהוּ קֵיינֶעם קֵיין שְׁלֶעכְטְס, וֶועט מֶען דִיךְ לָאזֶען צוּ רוּה ׃
1745 טָעֲנוּ בְּחִיטִין וְהוֹדָה לוֹ בְּקְלִיוּסְקֶעס ׃

# י

1746 יָא דָאס קְלֵייד אִיז שֶׁעהֶן – ווִי זֶעהְט אָבֶּער דִיא סְפָּאדְנִיצָא (spodnica) אוֹיס ?
1747 יַאקַא סִינַאגָאגַא טַאקִי רַאבִּין ׃
(Jaka synagoga, taki rabin.)
1748 יַאק יֵצֶר הָרֶע נַאפַאדְנִיֶע, טָאי תְּקִיעַת־כַּף נִיע פָּאמָאזְשֶׁע ׃
1749 יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי – גְלוֹיבּ ׃ 3)
1750 יוּדִישֶׁער חֵין אִיז אוּמֶעדוּם שֵׁיין ׃ (פַּארַאדֶיע : יוּדִישֶׁער חֵרְיין אִיז

1) ז. ה. אז מען וויעדערהאלט א זאך אפטמאהל , ווערט זי איבערדריססיג . 2) די נעכט ווערען שוין קירצער . 3) ד. ה. ווענן איינער זאגט אז ער האט שווער געארביים ביז ער איז בעקוממען צו פערמעגען, קאנסט דו איהם גלויבען.

אוּמֶעטוּם בִּיטְטֶער).

1751 יוֹם כִּפּוּר אִיז אוּנְז אִיז מְכַפֵּר עֲוֹנוֹת.

1752 יוֹצֵא בְּחִפָּזוֹן פֶערְלִיעֶרְט דָאס גֶעלְד

אוּנ דִי הוֹיזְען. 1)

1753 יְרוּשָׁה אוּנ גְרַן זֶענֶגְען וִוי אַ פְּלַאם. 2)

# כ

1754 כָּבוֹד אִינ גֶעלְד רֶעגִיעֶרֶען דִיא וֶועלְט.

1755 כָּבוֹד אִיז וִויא אַ שָׁאטֶען; וָואס מֶעהְר
מֶען גֶעהְט אִיהְם נָאךְ, וָואס וַוייטֶער
עֶנְטְלוֹיפְט עֶר.

1756 כָּבוֹד אִיז לֶעבֶּער (כָּבֵד).

1757 כָּבוֹד קוֹיפְט מֶען אִין יַאטְקֶע.

1758 כֹּחַ גֶעפִינְט מֶען נָאר אִין דֶער
שִׁיסְסֶעל. 3)

1759 כֵּעַס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה.

# ל

1760 לָאז אַ הוּנְד אוֹיף דֶער בַּאנְק,
שְׁפְּרִינְגְט עֶר אוֹיף דֶעם טִישׁ.

1761 לָאז זִי הֵייסֶען שֵׁיינְדֶעלֶע. לָאז זִי
הֵייסֶען קְרֵיינְדֶעלֶע. אַבִּי אַ כַּלָה.

1762 לָאז זִיךְ דֶער זָארְגֶען, וָואס עֶר
הָאט נִיט קֵיין גָאטט אוֹיף מָארְגֶען.

1763 לָאז עֶס זַיין פוּן דֶעם טַייבֶעל, אַבִּי
עֶס הֵייסְט פַּייוֶעל.

1764 לַאךְ, וֶוען דוּ וֶועסְט דִיךְ גֶעהֶען
לֶעגֶען.

1765 לוֹיף נִיט נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. וֶועט עֶר
אַלֵיין צוּ דִיר קוּמֶען.

1766 לוֹיפִין אוּנ קוֹיפִין טוֹיג נִיט. 4)

1767 לִיגֶען טָאר מֶען נִיט זָאגֶען, אָבֶער
דֶעם אֱמֶת דַארְף מֶען נִיט זָאגִין.

1768 לַייכְט צוּ זָאגֶען, שְׁוֶוער צוּ
פֶערְטְרָאגֶען.

1769 לִיעבֶּער מִיט דֶעם הֵיימִישֶׁען בֶּעדֶער,
אֵיידֶער מִיט אַ פְרֶעמְדֶען רַב. 5)

1770 לֶעבֶּערִיגֶע צָרוֹת קוּמְט מֶען אִיבֶּער.

1771 לְעוֹלָם מוּז מֶען זַיינֶע שֶׁעפְּסֶען
שֶׁערֶען. 6)

1772 לְעוֹלָם – נֶעמְם, תִּקַח – מָאהְן.

1773 לֶעקֶער עֶסְסְט זִיךְ אוֹיךְ צוּ. 7)

1) ווענן מען איילט זיך א געשעפט צו מאכען. 2) ד. ה. זי פלאמען געשווינד אויף אינ פערלעשע באלד. 3) ד. ה. אז מען עססט גיט. 4) ד. ה. מען זאלל זיך פריהער נוט בעראַהגען איידער מען קויפט 5) ד. ה. אשידוך מהון. 6) ד. ה. צום ערשטען מוז מען זיך אין זיננען האבען. 7) לעקער־אקסעגצונגע.

# מז

1774 קָאגֶענְפְּרֵייד גֶעהְט אִיבֶּער אַלְלֶע פְּרֵייד.

1775 מַאיְאוֶוע קְרָחוֹת אִיז גוּט — יֶענֶער זָאלל עֶס הָאבֶּען.

1776 מַבְטִיחַ צוּ זַיין אוּנ נִיט אָבְּגֶעבֶּען, פֶערְשְׁפָּאַרְט מֶען אַ קְרָאם צוּ הָאבֶּען.

1777 מוֹדֶה בֶּאֱמֶת — פָּטוּר בִּקְנַס.

1778 מַחֲשָׁבָה, קֵיין מַעֲשֶׂה. 1)

1779 מִיט אַ יוֹרֶען אִיז גוּט צוּ עֶסְסֶען קוּגֶעל — נָאר נִיט פוּן אֵיין טֶעלְלֶער.

1780 מִיט אֵיין אוֹיג זֶעהְט בַּיי דִיר דֶער בְּלִינְדֶער מֶעהְר, ווִי דוּא בַּיי אִיהְם מִיט צְווֵיי אוֹיגֶען. 2)

1781 מִיט אֵיין אֵייגֶענֶעם מַאנְן, מֶעג מֶען פָאהְרֶען מֵעֵבֶר לַיָם.

1782 מִיט אֵיין הַאנְד גִיט עֶר, מִיט דֶער אַנְדֶערֶער נֶעמְט עֶר.

1783 מִיט אֵיין פָּאר פִּים קָאן מֶען נִיט אוֹיף צְעהְן חֲתוּנוֹת טַאנְצֶען.

1784 מִיט אֵיין צַד אִיז מֶען תָּמִיד פַּארְטֶעג.

1785 מִיט אַ לֵייטֶער אוֹיף דֶעם הִימְמֶעל הֶערוֹיף, קָאן זִיךְ קֵיינֶער נִיט בֶּעוָואהְרֶענֶען.

1786 מִיט אַ פְרֶעמְדֶער פִיהְר, פָאהְרְט מֶען נִיט וַוייט.

1787 מִיט גוּטֶע רֶעד, קָאן מֶען אוֹיךְ דִי עַצְמוֹת הֶערוֹיס נֶעמֶען.

1788 מִיט דֶעם בֶּעסְטֶען הוּנְד אִיז נִיט גוּט קֵיין עֲסָקִים צוּ הָאבֶּען.

1789 מִיט דֶעם רֶבִּי׳ן קָאן דֶער (שְׁלֶעכְטֶער) תַּלְמִיד גוּט.

1790 מִיט דֶעם שְׁטַארְבֶּען בֶּעגְרָאבְּט מֶען זִיךְ גָאר.

1791 מִיט דֶעם שָׂטָן טָאר מֶען זִיךְ נִיט שְׁפִּיעלֶען.

1792 מִיט וָואס פַאר אוֹיגִין מֶען קוּקְט אֵיינֶעם אָן, אַזַא פָּנִים הָאט עֶר.

1793 מִיט מִיטְגֶעבְּרַאכְטֶען בְּרוֹיט, אִיז מֶען אוּמֶעטוּם אַ גוּטֶער אוֹרֵחַ.

1794 מִיט צְווֵיי מַיילֶער עֶסְט מֶען נִיט.

1795 מִיט „שְׁרַגָא״ רוּפְט מֶען אוֹיף, אָבֶּער אַקָאן קָאן מֶען נִיט אוֹיסְנֶעמֶען. 3)

1796 „מֶען ז״ אִיז אַ צִיעג.

1797 מֶעהְר גֶעהַארְט, מֶעהְר גֶענַארְט.

1798 מֶען דְרֶעהְט מִיט יֶענֶעם אַזוֹי לַאנְג, בִּיז מֶען פֶערְדְרֶעהְט זִיךְ אַלֵיין.

1799 מֶען וֵויינְט נִיט אוֹיף דֶעם „מִי יָמוּת״ נָאר אוֹיף דֶעם „מִי יִחְיֶה״.

1800 מֶען וֶוערְט נִיט גֶענִיטְה, בִּיז מֶען הָאט זִיךְ נִיט פְרִיהֶער אָבְּגֶעבְּרִיהְט. 4)

1801 מֶען וֶוערְט פְרִיהֶער אַקָצִין אֵיידֶער אַ בַּעַל הַבַּיִת. 5)

---

1) טראוועסטיע פון מחשבה כמעשה אוס צו זאגען; באר א געדאנקען, קומט נאך ניט צו שטראפען.
2) דו זעהסט מיט 2 אויגען ביים בלינדען נאר איין אויג, אונ ער מיט 1 אויג ביי דיר 2. 3) שרגא איז דער שם הקודש פון ווייביש (פייוויש) וואס מען רופט אויף צו דער תורה, נאך איז שרגא די ר״ת פון שעללען, רוים, גרין, אייכעל, אין קארטען, דאריבער זאגט דאס שפריכווארט אז מיט „שרגא״ קאן מען קיין קאן ניט אויסנעמען. 4) מען זאגט אויך אויף דייטש: דורך ערפאהרונג ווירד מען קלוג. 5) ד. ה. אז מען איז שוין אפילו א קצין פעהלט נאך פיעל, ביז דאס גאנצע הויז ווערט איינגעריכטעט וויא עס דארף צו זיין ביי׳ א בעל־בית.

1802 מען זאלל אללעם צום גוטען אויס־לעגען.

1803 מען זאלל דעם טאפ ניט צודעקען, וואללטען דיא מייז געוואוסט, וואס אין איהם איז!

1804 מען זאלל ווארטען אויף דעם לוחים פאנאדע, וואללט מען קיינמאהל קיין ברויט ניט געהאט.

1805 מען זאלל ניט געפריפט ווערען מיט דעם, וואס דער מענש קאן אלץ פערטראגען.
(.... קאן זיך אלץ געוועהנין).

1806 מען זאלל ניט דאס אומריינע וואססער אויסגיעסען, ביז דאס ריינע קומט צו פליעססען.

1807 מען זאל ניט דערלעבען צו שטארבען.

1808 מען זאלל ניט הייסען אגעזונדען זיך לעגען געהען און א קראנקען אויפשטעהען.

1809 מען זאלל תמיד בעטין אויף גוטע געסט.

1810 מען טאר ניט גלויבען דעם פערד אין וועג און דעם ווייב אין דער היים.

1811 מען טאר ניט זיטצען אויף דעם טאטענ'ס ארט.

1812 מען טאר ניט פערלאנגען וואס מען קאן ניט דערלאנגען.

1813 מען מוז אויסהערען ביידע צדדים.

1814 מען מוז זיך אמאהל מאכען דאס הארץ פון שטיין.

1815 מען מיינט ניט דיא דרשה, נאר דיא בקשה.

1816 מען מיינט ניט דיא חרוסת, נאר דיא ארבע כוסות.

1817 מען קאן אבריף לייענען, מען קאן זינגען.

1818 מען קען ביים ברעג אויך דערטרונקען ווערין.

1819 מען קאן גאטט ניט צו קיין קלאג זיין.[1]

1820 מען קאן ניט וויססען, ווי א וועג שטעללט זיך.[2]

1821 מען קאן קיין מענשען ניט דערקענענען ביז מען זיטצט ניט מיט איהם אויף איין פוהר (.... ביז מען האנדעלט ניט מיט איהם).

1822 מען קויפט ניט קיין קאטץ אין דעם זאק.

1823 מען שטארבט ניט פריהער ביז מען קומט ניט צוריק אויף דער ערשטער מדרגה.

1824 מעמדות איז וועלוועלער וויא תהלים.

1825 מעשים טובים העלפען ניט, מעשים רעים שאדען ניט.

1826 מצות און וויין, מוז זיין — שמאלץ און אייער, ניט זייער (זעהר).[3]

1827 מרבה נכסים, מרבה דאגה.

1828 משוגע'נע געגז — משוגע'נע גריוען.

1829 משכון בבית, שלום בקעשענע.

---

1) ד. ה. מען זאלל זיך אויף גאטט ניט בעקלאגען. 2) אזוי זאגען בעלי־עגלות. 3) אויף פסח.

# נ

1830 נָאךְ אַ קִימְפֶּעט נָאךְ אַ בֵּייזֶע בְּרוּסְט. 1)

1831 נָאךְ אַ שְׁלֶעכְטֶען חַזָן אִיז גוּט צוּ דַאוֶוענֶען. 2)

1832 נָאךְ דֶעם טוֹיט הֶעלְפְט שׁוֹין קֵיין תְּשׁוּבָה־טוּעֶן נִיט.

1833 נָאךְ נַיין (9) חֲדָשִׁים קוּמְט דֶער סוֹד הֶערוֹיס.

1834 נָאךְ שְׁלֹשִׁים מֶעג מֶען שׁוֹין דָאס שְׁטֶערֶענְ־טִיכֶעל אָנְטוּעֶן. 3)

1835 נַארר בְּלַייבְּט נַארר – מֶקח בְּלַייבְּט מֶקח.

1836 נַארְרָאנִים אוּנ קְרָאפִּיוֶוע וַואקְסֶען אָהְן רֶעגֶען.

1837 נַארְרִישְׁקֵייט אוּנ שְׁטָאלְץ וַואקְסֶען אוֹיף אֵיין הָאלְץ.

1828 נְדָן אוּנ יְרוּשָׁה זֶענֶען מִיט דֶעם טַייוֶועל בְּחַבְרוּתָה.

1839 נוֹיט אִיז עֶרְגֶער וִויא דֶער טוֹיט.

1840 נוֹיט שַׁארְפְט דֶעם שֵׂכֶל.

1841 נוֹתֵן בְּצִימְבֶעל הוֹלֵךְ בְּטֶענְצֶעל.

1842 נִיט אַזאַ שַׁאנְד אִיז צוּ גַנְבֶ׳עֶנען וִוי צוּ חַנְפִינֶען.

1843 נִיט אַזוֹי גִיךְ מַאכְט זִיךְ וִויא עֶס טְרַאכְט זִיךְ.

1844 נִיט אַלְלֶעס וָואס מֶען וֵויים, מֶעג מֶען זָאגֶען.

1845 נִיט אַלְלֶע פּוּרִים אִיז אַ נֵס.

1846 נִיט אַלְלֶע פֶערְד הָאבֶּען אֵיין גְלִיק.

1847 נִיט גֶענוּג וָואס מֶען וֶוערְט אָן דָאס גֶעלְד, רוּפְט נָאךְ יֶענֶער נַארְר.

1848 נִיט גֶענוּג צוּ זַיין אַ נָגִיד, גִילְט נָאךְ דֶעם נְגִידִים קְוִויטְטֶעל אוֹיךְ.

1849 נִיט דָאס אִיז לִיעבּ, וָואס עֶס אִיז שֶׁאן, נָאר דָאס אִיז שֶׁאן וָואס עֶס אִיז לִיעבּ.

1850 נִיט דָאס אִיז שֶׁאן, וָואס אִיז שֶׁאן, נָאר דָאס וָואס עֶס גֶעפֶּעלְלְט.

1851 נִיט דָא קֵיין גֶעטְרֵייעֶרְם וִוי אֵיין אֵייגֶען וַוייבּ.

1852 נִיט דִי מוֹיז אִיז דֶער גַנָב, נָאר דָאס לָאךְ אִיז דֶער גַנָב.

1853 נִיט דִי מְלָאכָה שֶׁענְדְט דֶעם מֶענְשֶׁען, נָאר דֶער מֶענְשׁ שֶׁענְדְט דִי מְלָאכָה.

1854 נִיט דֶער אָנְמוּטְהֶער אִיז אַ נַארְר, נָאר דֶער טְהוּעֶר אִיז אַ נַארְר.

1855 נִיט מִיט שֶׁעלְטֶען אוּנ נִיט מִיט לַאכֶען קָאן מֶען דִי וֶועלְט (דִי מֶענְשֶׁען) אִיבֶּערְמַאכֶען.

1856 נִיט קֵיין קִינְד, נִיט קֵיין רִינְד.

1857 נִיט קֵיין תּוֹרָה, נִיט קֵיין סְחוֹרָה.

1858 נַיין (9) רַבָּנִים קֶענֶען קֵיין מִנְיָן נִיט מַאכֶען, אָבֶּער צֶעהְן שׁוּסְטֶערְם יָא.

1859 נֶיע גַנְבַאיי, נֶיע פַּאסְטְאַיי. 4)

(nie ganwaj nie fastaj)

1860 נִיקְס אִיז גוּט צוּ דִי אוֹיגֶען. 5)

1861 נֶעבֶּען גוּטֶע גֶעסְט, פַּאזְשִׁיוֶועט מֶען זִיךְ אוֹיךְ.

1) ד. ה. צוויי מכות אויף איין מאהל. 2) ד. ה. אז מען פערגלייכט איהם מיט דעם פריהערן שלעכטען חזן, דייכט זיך אז דער נייער איז בעססער. 3) דאס זאגט מען פון וועג'ן איין אלט מיידעל וואס איז שוין איבער די שלשים, איז שוין צייט זי זאלל חתונה האבען. 4) ד. ה. גנב'ע ניט אונ טהו ניט קיין תשובה. 5) ניקס קאממט פאם לאטייניש (nux) די נוסס. צו מאכען אויגענקראנקהייטען ווירד פערשיעדענעס וואססער אויס nux בערייטעט — היער איזט עס אין דער בעדייטונג פון ניכטס.

## ס

1862 סוף סוחר, לפלטה – סוף גנב | לתליה.

---

## ע

1863 עדות מאכט פסלות.

1864 עולם כמנהגו נוהג.

1865 עס איז א מצוה א יודען צו בעגראבין.1)

1866 עס איז גוט צו זיין א בעל־בית, אז עס איז דא מיט וואס.

1867 עס איז גערינגער אויפצוהעבען א שכור פון דער ערד, איידער א געשעפט.

1868 עס איז ניט דא קיין ערגערס ווי ציינוועהטיג.

1869 עס איז ניט דא קיין גלייכערס ווי א קרומע לייטער, אונ קיין קרומערעס ווי א גלייך ווערטעל.

1870 עס איז ניט דא קיינע מיאוסע כלה אונ קיין שלעכטער חתן.

1871 עס ווערט ניט פריהער ליכטיג, ביז עס איז ניט גאנץ פינסטער.

1872 עס זאגט קיינער ניט „ארון עולם“ אז עס איז ניט פריהער „מה טובו“.

1873 עס זעננען פערהאנדען זאכען אז זי זעננען דא איז גיכט שלעכט; אונ אז זיא זעננען ניט דא, איז אויך רעכט.

1874 עסם ניט די לאקשען פאר שבת.

1875 עס ניט קיינע ביינער, וועלען דיר ניט וועה טהון דיא ציינער.

1876 עססען איז די בעסטע תפלה.

1877 עס פליהט ניט קיין שפאן, עס זאלל ניט זיין עפפעס דאראן, 2)

1878 עס שטארבט קיין דור ניט אויס.

1879 ערב יום־כפור זעננען אללע יודען מתים. 3)

---

## פ

1880 פאטער אונ מוטטער האבען גלעזערנע אויגען.

1881 פאטער אונ מוטערס ברכה, ברינגט דעם קינד הצלחה.

1882 פאסטען הייסט ניט קיין ברויט שפארען.

1883 פאר א גנב טאר מען קיינע תליה ניט דערמאנען.

---

1) ווענן איין יוד טהוט דעם אנדערן שלעכטס זאגט מען, ער טהוט עס פאר מצוה. 2) אללעמדינג האט איינע אורזאכע. 3) ווייל זיי נעהען אנגעטהון אין קיטטעל אונ טלית.

1884 פאר א יודען איז אללעס צו וועניג.

1885 פאר איין אייגען קינד וועגען עלטערן בלינד.

1886 פאר "אמן" קומט קיין פאטש.

1887 פאר אנמוטה קומט קיין פאטש ניט.

1888 פאר אן ארעם־מאן איז א שווארץ יאהר אויך געווג.

1889 פאר אן עקשן איז קיין רפואה ניט דא.

1890 פאר א קרבא נגקען לאזט מען איבער' אבער ניט פאר קיין ברוגז'ן.

1891 פאר א שטומען (בלינדען) עדות לויפען די גנבים ניט אוועק.

1892 פאר א שטילל וואסער, פאר א שטיללען הונד. אונ פאר א שטיללען שונא זאלל מען זיך היטען.

1893 פאר ברויט גיט מען שטיינער.

1894 פאר ברויט ענטלויפט מען ניט.

1895 פאר גאטט האט מען מורא — פאר מענשען מוז מען זיך היטען.

1896 פאר גוטע געכט האט מען שלעכטע טעג.

1897 פאר געלד האט מען די אונ יענע וועלט.

1898 פאר געלד קריעגט מען צוקער.

1899 פאר דעם גנב איז איין וועג — פאר דעם וואס זוכט איהם, צעהן וועגען.

1900 פאר דעם טויט אונ פאר דעם דלות קאן מען זיך ניט בעוואהרענען.

1901 פאר דער תליה האבען די מענשען מעהר מורא ווי פאר גאטט אלליין.

1902 פאר וויענער בעקומט מען דיענער.[1]

1903 פאר יוגענד לעבט מען ניט, פאר עלטער שטארבט מען ניט.

1904 פאר נארראנים וועגען קיינע תקנות ניט געמאכט.

1905 פאר סכום טאר מען ניט ענטלויפען.

1906 פון א נאנז קויפט מען ניט קיין האבער.

1907 פון א גוטען קאפ ביז צו א שלעכטען קאפ איז נאר א חילוק א גראשענדיג ליכטעל.[2]

1908 פון א ווארט ווערט א קווארט.

1909 פון א יודען האט מען דאס גענארר.

1910 פון א ווארט ווערט ניט קיין לאך אין קאפ.

1911 פון איין אלט מיידעל ווערט א יונג ווייבעל.

1912 פון איין אקס ציעהט מען ניט העראב קיינע צוויי פעללען.

1913 פון איין טיש ווערט מען ניט זאטט.

1914 פון איין עממער מאכט מען ניט קיין צובער.[3]

1915 פון איינציגע טראפין ווערט אגאנצער רעגען.

1916 פון "אמר אביי" איז ניט קיין ראיה.

1917 פון א קארגען גביר אונ פון א פעטטען באק געניעסט מען ערשט

---

1) וויענער, מיינט מען וויענער (עסטרייכישע) גולדען. 2) ד. ה. דער וואס האט א גוטען קאפ לערנט געשווינד; דער וואס האט א שלעכטען קאפ מוז זיטצען גאנצע נאכט אונ לערנען. 3) ווארטשפיעל אן עממער (איימער) מיט א געממער, צובער מיט שליח צבור.

נָאךְ דֶעם טוֹיט. — 1)

1918 פוּן אַ קְלֵיינֶער מִלְחָמָה ווֶערְט אַ גְרוֹיסֶע מְהוּמָה.

1919 פוּן אַ שִׁכּוֹר אִין דֶער יוּגֶענְד, ווֶערְט אַיין אָרֶעם־מַאנְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

1920 פוּן אַ שְׁלִים־מַזָל ווֶערְט מֶען נִיט רֵייךְ.

1921 פוּן אַ שְׁלֶעכְט גֶעשֶׁעפְט בְּלַייבּט אָבּ אַ פָּאלֶע אוּנ עֶנְטְלוֹיף.

1922 פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶען חַזָן הֶערְט מֶען דִי גְרַייזֶען אוּנ מֶען זֶעהְט דִיא מִיאוּסֶע הֲוָיוֹת.

1923 פוּן אַ שְׂרָרָה קאן אָבְּפַאלְלֶען אַ פוֹיעֶר, אָבֶּער נִיט פוּן קַיין פוֹיעֶר אַ שְׂרָרָה.

1924 פוּן בָּארְשְׁט מִיט בְּרוֹיט ווֶערֶען דִי בַּאקֶען רוֹיט.

1925 פוּן גְלִיק צוּם אוּנְגְלִיק אִיז אַ שְׁפַּאנְן — פוּן אוּנְגְלִיק צוּם גְלִיק אִיז אַ שְׁטִיק ווֶעג.

1926 פוּן גֶעלְד־וֶועגֶעז גֶעהְט קַיין שִׁידוּךְ נִיט אָבּ.

1927 פוּן דֶעם בֶּער אִין דֶעם ווַאלְד זָאלל מֶען דָאס פֶעלל נִיט פֶערְקוֹיפִין.

1928 פוּן דֶעם הִימְמֶעל גִיט מֶען הֶערָאבּ, אָבֶּער נִיט הֶערוֹיף.

1929 פוּן דֶעם טוֹיט אוּנ פוּן אַ חוֹב עֶנְטְגֶעהְט מֶען נִיט.

1030 פוּן דֶעם טַייוֶועלְם ווֶעגֶעז פֶעהְלְט נִיט.

1931 פוּן דֶער מוּטְטֶערְ'ס קְלָאפּ ווֶערְט דֶעם קִינְד נִיט קַיין לָאךְ אִין קָאפּ.

1932 פוּן וָואלְוֶועלֶע פִישׁ גִיעֶסְט מֶען דִי יוֹיךְ הֶערוֹיס.

1933 פוּן ווַאנֶען דִיא כַּלָה קוּמְט הֶערוֹיס, דָארְט גֶעהְט זִי ווִידֶער הֶערַיין.

1934 פוּן ווַאנֶען שְׁטִינְקְט דֶער הֶערִינְג? — פוּן דֶעם קָאפּ.

1935 פוּן וָואס מֶען לַאכְט, קוּמְט אַלְלֶעס צוּ דִי אוֹיעֶרְן.

1936 פוּן וָואס מֶען רֶעדְט קוּמְט מֶען אַלְלֶעס אוֹיף דֶעם טוֹיט.

1937 פוּן ווַייטֶען זֶענֶען אַלֶע גוּטֶע לֵייטֶען.

1938 פוּן ווַייטֶען נַארְט מֶען לֵייטֶען פוּן דֶער נָאהֶענְט — זִיךְ אַלֵיין.

1939 פוּן ווֶענִיג פֶערְדִיעְנְסְט ווֶערְט מֶען נִיט בְּדַלוּת.

1940 פוּן זָאגֶען ווֶערְט מֶען נִיט מְרָאגֶען.

1941 פוּן „חַאפּ־לַאפּ" צֶערְבְּרִיכְט מֶען זִיךְ דֶען קָאפּ.

1942 פוּן מַעֲשׂוֹת דֶערְצֶעהְלֶען קָאכְט מֶען קַיינֶע ווֶעטְשֶׁערֶע נִיט (wi-czerza).

1943 פוּן נְגִידִים קוּמֶען הֶערוֹיס נְגִידִים' לֶעךְ.

1944 פוּן „נְקִי כַּפַּיִם" ווֶערְט מֶען נִיט רֵייךְ.

1945 פוּן פִּיעל רֶעדֶען קוּמְט אַ מָאהְל הֶערוֹיס לֵיידֶען.

1946 פוּן פַּרְנָסָה ווֶעגֶען מוּז מֶען אֲפִילוּ טַאנְצֶען מִיט מַאטְשֶׁעק־לֶעבֶּען. 2)

1947 פוּן „קָאפּ־קָאפּ" קָאן מֶען קַיין עוֹשֶׁר נִיט ווֶערֶען.

1948 פּוּרִים דַאנְקְט מֶען נִיט.

1949 פּוּרִים זֶענֶען נִיכְטֶערְן אַלֶע שִׁכּוֹרִים.

1950 פּוּרִים נָאךְ דֶער סְעוּדָה אִיז אֲפִילוּ

1) פאר דעם מת בעצאהלען די יורשים ו'עם קבר, און פון דעם באק נעמט מען הערונטער די פעלל.
2) מאטשעק. (Maciek)

קיין הונד ניט הונגריג.

1951 פורים קען מעג מען זיך אנשכורין, אבער יום־כפור קען דארף מען ניט פאסטען.

1952 פטרגיש איז געלד ווערטה.

1953 פייף ניט, אז עס זענגען דא היינדיקים אין שטוב. 1)

1954 פינטא איז רייך געוועזען און איז געשטארבען איין אביון.

1955 פיעל הענד מאכען מיט דער ארבייט באלד איין ענד.

1956 פיעל שמייכעל און וועניג שכל.

1957 פיער אויגען זעהען מעהר ווי צוויי.

1958 פיער און דרייסיג (34) איז במנין בלי.

1959 פיש מאכט: פרשוּד יין שרף, פאטעם יין שרף 2)

(Przódy — potem)

1960 פערקויפען קאן א קינד — אפקויפען קאן אפילו קיין פאטער אויך ניט.

1961 פראבירען געהט איבער שטודירען.

1962 פראצענט וואקסט אהן רעגען.

1963 פראצענט נעמט אוועק דאס געזונד מיט די הענד.

1964 פריינד אין א נויט געהען צעהן אויף א לויט.

1965 פרעג איין עצה דעם שונא און טהו פערקעהרט.

1966 פרעג איין עצה יענעם, און האב דעם שכל ביי דיר.

1967 פרעגען קאסט קיין געלד.

1968 פרעמד ברויט רייסט אין האלדז.

1969 פרעמדע דאגות נעמען ניט אוועק דעם שלאף. 3)

1970 פרעמדען שכל קרענקט מען אוים.

צ

1971 צו איטליכען נייעם ליעד קאן מען צו־פאססען א אלטען נגון.

2972 צדקה געבען און ליעב האבען קאן מען ניט געטהין.

1973 צו גאטט דערלעגט מען ניט.

1974 צו גליק ברויכט מען קיין חכמה ניט.

1975 צוויי פאללען צו לאכט: א נארר צווישען קלוגע, און א קלוגער צווישען נארראנים.

1976 צווישען אללע שוסטער איז דער בעסטער שניידער יוסיל דער סטאליער.

1977 צווישען יודען ווערט מען ניט פערפאללען (פערפרעמדט).

1978 צווישען פיעל הונדט ווערט דער האז טויט.

1979 צו־זאגין און ליעב האבען קאסט ניט קיין געלד.

---

1) אז איינער דערצעהלט זאכען וואס קינדער טארען ניט הערען. 2) אום צו זאגען אז פאר די פיש און נאך די פיש איז גוט א ביסעל בראנפען. 3) ד. ה. פרעמדע זאכען בעריהרען ניט דעם מענשען אזוי שטארק ווי אייגענע.

1980 צו ליעב טהון קאסט תמיד טהייער ,

1981 צום שכל דארף מען קיין מחיל.

1982 צו א הערינג דארף מען קיין זאלץ און צו גרוען קיין שמאלץ.

1983 צו א וואונד און צו א בלאטער , אז עס העלפט ניט קיין דאקטער , העלפט א טאטער.

1984 צוריק שיינגעץ גילט ניט.

1985 צוריק שיינגעץ געהט אין באד הערין

1986 ציבעלעס־טהערען ריהרען ניט דאס הארץ.

1987 צעהן דינגען , און נאר איינער קויפט.

1988 צרות איז קיינע דאגה ניט (איז מען ניט זשעדנע).

1989 צרות טרייבען דעם מענשען אויף דעם בית הקברות ,

1990 צרות לעגען זיך צו ערשט אויף דעם פנים.

# ק

1991 קאלבפלייש איז האלבפלייש . (1

1992 קאפ־דארעניש קומט פון צרות .

1993 קהל האט קיין ווייב ניט (און א שקארפעטקע איז קיין בגד ניט) .

1994 קהלים קערבעל האט אין זיך א מאנגעט .

1995 קהל קריעגט זיך , און דעם שמש שמייסט מען .

1996 קודם לכל איז גוט א שהכל . (2

1997 קוים פוטצט זיך איינער אב די שטיועל , רופט מען איהם אויף מפטיר . (3

1998 קוק אויף דעם מיידעל , ניט אויף דעם קליידעל .

1999 קוק דיך אום אויף די הינטערשטע ראדער .

2000 קוק הערונב , וועסט דו וויסען ווי הויך דו שטעהסט .

2001 קוקט מען פאר זיך איז שלעכט ; קוקט מען הינטער זיך־איז נאך ערגער .

2002 קוק מיך אן , נאר ריהר מיך ניט אן .

2003 קוקען און הערען און שווייגען .

2004 קוקען מעג מען ; נאר ניט גלאטצען .

2005 קוה־בייטש־פערדס־שטעקעלע . (4

2006 קיין סחורה איז דער ערגסטער בבל .

2007 קיין סחורה טאר דעם סוחר ניט נמאס ווערען .

1) דיא בעל־הבית'טעס זאגען אז קאלבפלייש זעטטיגט ניט אזוי ווי אקסענפלייש. 2) ד. ה. א טרונק בראנפען וואס מען מאכט איבער איהם דיא ברכה שהכל. 3) ד. ה. קוים בעקוממט איינער א ביסעל געלד , ווערט ער באלד א שיינער יוד און מען גיט איהם אב כבוד . 4) פון א זעהר ווייטען קרוב .

2008 קינֶער קאן נִיט קיין הִינְדֶעל
שֶׁעכְטֶען. אַז עֶס זָאלל קיין בְּלוּט
נִיט גֶעהֶען.

2009 קין אִיז נִיט הֶבֶל! 1)

2010 קִינְדֶער אוּנ נַארְרָאנִים זָאגֶען דֶעם
אֱמֶת.

2011 קִינְדֶער הָאבֶען אִיז לַייכְטֶער וִוי
קִינְדֶער עֶרְצִיעהֶען.

2012 קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ צוּ בַּייסֶען דִי
שֶׁערְצֶען. — גְרוֹיסֶע מֵיידְלִיךְ צוּ
בַּייסֶען דִי הֶארְצֶען.

2013 קְלֵיינֶע קִינְדֶער. קְלֵיינֶע פְרֵיידֶען —
גְרוֹיסֶע קִינְדֶער. גְרוֹיסֶע לֵיידֶען.

2014 קְנַייפּ דִיא בַּאק אוּנ שְׁטָעלל דִי
פַארְב פַאר לַייטֶען.

2015 קְרַאטְצֶען אוּנ בָּארְגֶען אִיז נָאר גוּט
אוֹיף אַ וַוייל.

2016 קְרָאקֶע אִיז נִיט אִין אֵיין טָאג
גֶעבּוֹיט גֶעוָוארֶען.

2017 קְרֵייד אִיז גוּט — פַאר וָוערֶעם. 2)

2018 קְרֶעדִיט אִיז אֵיין אֵיידֶעלֶע מַאטֶער־
יֶע. 3)

2019 קְרֶעפְּלֶעךְ וֶוערֶען אוֹיךְ פֶערְמִיאוּסְט
(נִמְאָס).

ר

2020 רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדֶר לָאזְט מֶען זִיךְ צוּ
דֶער אָרֶער.

2021 רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר טְרִינְקְט מֶען דָאס
בֶּעסְטֶע בִּיעֶר. 4)

2022 רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן לֶעגְט מֶען דֶעם
קַאנְטְשֶׁעק הִינְטֶער דֶעם קוֹישֶׁען;
רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר. נֶעמְט מֶען דֶעם
קַאנְטְשֶׁעק אַ פִּיר.

2023 רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גִיבּ מִיר בְּרוֹיט
אַזוֹי לַאנְג אִיךְ הָאבּ צֵיין.

2024 רַבִּי משֶׁה מֶעג — מָאשְׁקָא טָאר נִיט. 5)

2025 רַבִּי נֶטֶע הָאט תָּמִיד חֲרָטָה.

2026 רַבִּי קָרוֹב! שִׁיעסְט אִיהְר פְרִיהֶער.
וָוארֶען אִיהְר זַייט אֶלְטֶער! 6)

2027 רוּפְט מֶען דִיךְ נִיט צוּ. רִיקְזְשֶׁע דִיךְ
נִיט צוּ.

2028 רוּף מִיךְ בֶּער. נָאר יָאג מִיךְ נִיט אִין
וַואלְד הֶערַיין.

2029 רַחֲמָנוּת אִיז אַכְזָרִיוּת.

2030 רַייבּ דִיךְ נִיט אָן גְרוֹיסֶע לַייט.
וָוארִין דָאס לָאךְ וֶועט אַלֶּע מָאהְל
גְרֶעסְסֶער וֶוערֶען.

2031 רֶעדֶעלֶע יַאק רֶעדֶעלֶע. אַבִּי דָאבְּרֶע
מֵיינֶעלֶע.

1) קייען מיינט מען היער עססען. ד. ה. עססען איז קיינע קליינינקייט, עס איז ניט קיין הבל.
2) ביים קארטענשפּיעל אז מען זאגט דעם געווינגער ער זאל מיט דעם קריידעל אויפשרייבען ווי פיעל דער אנדערער האט צו איהם פערלוירען. ד. ה. אז מען בעצאהלט ניט מזומן געלד. — קרייד איז א סגולה פאר קינדער וואס האבען ווערעם. 3) ד. ה. ניט איטליכער פערדיענט איהם צו האבען. 4) דאס זא גענאנטע מארצאווע ביער. 5) איין עהרליכער יוד מהוט א מאהל איין אומרעכט (אדער איין עבירה) וואס ער אליין וואלט דארויף געשריגען — וועגן איין אנדערער זאלל עס מהון. 6) אזוי שפאטעט מען פון דיא יודישע סאלדאטען. זיי האבען מורא צו שיסען אונ רעדען צו דעם אנדערן, ער זאלל פריהער שיסען.

# ש

2032 שאמען איז גוט צו דער לאמפ. 1)

2033 שאנד איז נים קיין רויך — זי עסט דיא אויגען נים אויס.

2034 שבת אהן א קוגעל איז ווי א פויגעל אהן א פליגעל.

2035 שבת שירה, איז דאס אייז גלייך וויא א ווירע. 2)

2036 שבת שירה ווארפט מען די פייגעלעך קאשע. 3)

2037 שווארץ געהט קיינמאהל׳ נים אוים דער מאדע. 4)

2038 שווייגען איז גוט. — רעדען איז נאך בעססער. 5)

2039 שוין דאס קלייד אין דער היים וועט דיך דאס קלייד שויגען צווישען לייט.

2040 שומר חנם, איז א העגגלייבטער. 6)

2041 שטארקער פון אייזען איז קיינער נים.

2042 שטיפ דיך נים מיט דעם קראנקען קאפ אין דער היטץ הערייז.

2043 שיינער א מיאוסע לאטטע. איידער א שיין לאך.

2044 שיק דיינע אויערן אין דיא גאססען. 7)

2045 שכל אונ חרטה קומען תמיד צו שפעט.

2046 שכל ברינגט א מאהל מעהר איין ווי די הענד.

2047 שכל זאלל דער מענש לערנען ביז זיעבציג יאהר.

2048 שלעכטס לערנט מען זיך באלד אוים.

2049 שמיער א פארך מיט האניג — א פארך בלייבט א פארך

# ת

2050 תבואה – האנדעל איז א קארטענ־שפיעל.

2051 תורה האט נים קיין ברעג.

2052 תורה קומט נים בירושה. 8)

2053 תחנון איז קיין סוד. 9)

2054 תכריכים מאכט מען אהן קעשענעם. 10)

2055 תפיסה איז אזוי ווי מיתה.

2056 תשובה אונ צדקה צערייסען דעם לעטניק. 11)

1) ווארטשפיעל זיך שאמען אונ שמן בוימל וואס איז גוט צו דער לאמפ. 2) ווירע — לינעאל. 3) געוועהנליך איז שבת־שירה זעהר קאלט, אונ די ארעמע פייגעלעך געפינען נים קיינע קערנער צו עססען; דארום איז א מצוה איהגען קאשע צו ווארפען. 4) ד. ה. טרויעריגע זאכען פעהלט קיינמאהל נים, אין קיין פאמיליע, — אויך מאקע פראסט דער פאר ווייל שווארצע קליידער געהען קיין מאל נים אויס דער מאדע. 5) אלס אנטווארט אויף דעם אנדערן שפריכווארט „רעדען איז זילבער, שווייגען איז גאלד". 6) איך פערשטעה נים דעם זינן פון דעם שפריכווארט. 7) וועסט די וויססען וואס מען רעדט פון דיר. 8) ד. ה. מען מוז אלליין פיעל מיה האבען ביז מען לערנט. 9) חאטש מען זאגט דאס שטיללערהיים. 10) ד. ה. מען קאן נים מיט נעמען דאס פערמעגען אויף יענער וועלט. 11) פאראדיע אויף דעם פסוק. מעבירין את רע הגזרה.



M.T. AKADÉMIA KÖNYVTÁRA

# LUDOWE

## PRZYSŁOWIA ŻYDOWSKIE

Z rękopisu I. B. Wydał M. SPEKTOR

Odbitka z „HAUSFREUND“ II 1889

Zeszyt II

## JÜDISCHE SPRICHWÖRTER.

Aus einem Manuscript des Herrn I. B.

(Separat-Abdruck aus dem „HAUSFREUND“

II Band

Herausgegeben von M. SPEKTOR

WARSCHAU

1889